A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal
דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל
א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY JUL 18

VOLUME XVIII No 7625 — Thursday, July 16th, 1931 — יום ה׳, ב׳ אב, פרשה דברים, תרצ"א. — טאראנטא, דאנערשטאג דער 16-טער יולי, 1931. — PRICE THREE CENTS

וויצמאן קריגט גוואלדיגע אוואציע ביי שליסונג פון ציון-קאנגרעס

דעלעגאטען וויינען ווען וויצמאן באווייזט זיך פלוצלונג אין קאנגרעס-זאל ביי דער לעצטער סעסיע. — ער איז לאנג און שטורמיש אפלאדירט געווארען. — ווערט באטראכט אלס א „זיגרייכער פארלירער". — ער איז געזעסען צווישען ארבייטער-דעלעגאציע אלס פריוואטער דעלעגאט. — קאנגרעס געשלאסען אין א ברידערליכער שטימונג.

ארלאזאראוו, לאקער דר. פארבשטיין, בראדעצקי און עמנואל ניומאן, אין דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע

ספעציעל צום „אידישען זשורנאל", פון **מאיר וויסגאל.**

באזעל, יולי 15.

מיט א פאר קליינע אויסנאמען איז די נייע אלוועלטליכע ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וועלכע איז היינט דערוועהלט געווארען ביים שלוס פון דעם ציוניסטישען קאנגרעס — א וויצמאניסטישע עקזעקוטיווע.

די נייע עקזעקוטיווע באשטעהט פון די פאלגענדע פינף מיטגלידער: דר. ארלאזאראוו, פון דער ארבייטער גרופע אין ארץ־ישראל; בערל לאקער, פון די אמעריקאנער פועלי־ציון; פראפעסאר ז. בראדעצקי, פון די ענגלישע ציוניסטען, (א שטארקער וויצמאניסט און אן אלגעמיינער ציוניסט); עמנואל ניומאן, פון ניו יארק, אן אלגעמיינער ציוניסט און פרעזידענט פון דעם אידישען נאציאנאל פאנד אין אמעריקא, און דר. לעאן פארבשטיין, פון פוילען (מזרחי).

אט דאס איז די נייע עקזעקוטיווע, און מיט אן אויסנאם פון דר. פארבשטיין, איז זי כמעט א וויצמאניסטישע, באשטעהענד פון אנהענגער פון וויצמאנ'ס פאליטיק.

אין דער נייער עקזעקוטיווע זענען די ארבייטער פארטראטען מיט צוויי (דר. ארלאזאראוו און בערל לאקער), די אלגעמיינע ציוניסטען מיט צוויי (בראדעצקי און ניומאן), און די מזרחיסטען מיט איינעם (דר. פארבשטיין), אויפ'ן פלאץ פון רבי בערלין.

אין דער נייער אלוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איז קיין איין רעוויזיאניסט ניט אריין.

דעלעגאטען וויינען דערזעענדיג וויצמאנ'ען אריינקומען

דער קאנגרעס איז געשלאסען געווארען 5 אזייגער היינט פארטאג, אין א העכסט פריינטליכער שטימונג, נאך די ביטערע קאמפען מיט די רעוויזיאניסטען. דער נייער פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, נחום סאקאלאוו און לעא מאצקין, האבען געשלאסען דעם קאנגרעס מיט ריהרענדע רעדעס אין העברייאיש.

ביי דער לעצטער סעסיע איז וויצמאן אריינגעקומען אונבאמערקט, און ער האט זיך אוועקגעזעצט אין דער לינקער זייט פון קאנגרעס-זאל, צווישען דער ארבייטער דעלעגאציע, אלס א פריוואטער דעלעגאט.

ער האט באקומען אן אומבאשרייבליכע אוואציע פון אלע דעלעגאטען ווען ער איז אריינגעקומען, אויסער די רעוויזיאניסטען, וועלכע האבען זיך צוריקגעהאלטען פון אפלאדירען איהם. א סך דעלעגאטען האבען געוויינט קוקענדיג אויף איהם, און אלעמענ'ס אויגען זענען געווען געווענדעט אין זיין ריכטונג.

עס איז געווען צו מערקען, אז דער וויצמאניזם איז ארויסגעקומען זיעגרייך, כאטש וויצמאן אליין איז ארויסגעקומען א „זיעגרייכער פארלירער".

רוסישע אינטעליגענץ איז נאך אלץ אין טויט-שרעק טראץ סטאלינ'ס נייער פאליסי

מאסקווע, יולי 15.

טראץ דער געענדערטער שטעלונג פון סטאלינ'ען צו דער רוסישער אינטעליגענץ, איז פונדעסטוועגען דער פחד נאך אלץ גרויס צווישען די אינטעליגענטע רעגירונגס-אנגעשטעלטע, וועלכע ציטערען, אז פאר יעדען טעות וואס זיי וועלען מאכען וועלען זיי באלד אנגעקלאגט ווערען אין סאבאטאזש אדער קאנטער-רעוואלוציאנערישער טעטיגקייט.

די רוסישע פרעסע וועלכע איז פריהער געווען אזוי פיינטליך צו דער „אינטעליגענציע", האט איצט קאטעגאריש געביטען איהר טאן, און אין די מעהרסטע רוסישע צייטונגען, קאן מען שוין היינט געפינען א פריינטליך ווארט אויפ'ן חשבון פון די רוסישע אינזשענירען, טעכניקער אדער אנדערע אינטעליגענטע פאכמענער.

דאך איז די מורא צווישען זיי נאך אלץ גרויס, און אין פארגלייך מיט די אמעריקאנישע אינזשענירען געפינען זיי זיך שטענדיג אין א טויט-שרעק. זיי פאלגען אויס געטריי אלע פארארדנונגען פון „אויבען" — אפילו ווען זיי ווייסען, אז די דאזיגע פארארדנונגען זענען פאלש און ניט אויסגעהאלטען.

איד אין פארט-ארטור ארעסטירט אויף שווערער קלאגע

פארט וויליאם, יולי 15.

דייוויד ראזענטאל, א אידישער פוטערווארג הענדלער פון פארט-ארטור, איז היינט פארהאלטען געווארען אונטער 25 טויזענט דאלאר בעיל, אויף א צאהל קלאגען, אז ער האט געזוכט צו באשווינדלען די בראקער-פירמע פון ג. וו. מעטטיוס ענד קא., און אויך אז ער האט געהאנדעלט מיט זוייס, האבענדיג דערביי ניט קיין ריינע מאטיווען.

מיט איהם צוזאמען איז אויך ארעסטירט געווארען דער אקאונטענט דזשיימס מארעל אין פארבינדונג מיט דער זעלבער קלאגע.

דזשעק דיימאנד באפרייט

טראי, ניו יארק, יולי 15.

דער אונטערוועלט-קעניג פון ניו יארק, דזשעק „לעגס" דיימאנד, וועלכער איז דא גע'משפט געווארען אויף קלאגען פון באלעסטיגען פארמערס, איז געפונען געווארען ניט שולדיג אויף דער קלאגע, און ער איז באלד באפרייט געווארען.

שפאניש פאלק פרעהט זיך מיט איר ערשטען ראדיקאלען פארלאמענט

מאדריד, יולי 15.

די צוקונפט פון שפאניען איז היינט ווידער, צום ערשטען מאל אין פארלויף פון די לעצטע אכט יאר, אין די הענט פון א ראדיקאלען פארלאמענט, אדער פון אויסדערוועהלטע פארטרעטער פון פאלק, וועלכע זענען אויסגעקליבען געווארען אויף א דעמאקראטישען אופן. בעת דאס איז דער ערשטער פארלאמענט אין שפאניען אין די לעצטע אכט יאר, איז עס אבער דער ערשטער רעפובליקאנישער פארלאמענט זינט 1873.

די ערשטע סעסיע פונ'ם פארלאמענט איז דערעפענט געווארען נאכדעם ווי דער קאבינעט האט פאראדירט אין די הויפט-גאסען, מיט טויזענטער מענשען באגלייטענדיג זיי מיט פריידיגע אויסרופען. קאנאנען האבען אויסגעשאסען 21 מאל לכבוד דער געלעגענהייט. באלד נאכדער איז די ערשטע פארלאמענטארישע סעסיע דערעפענט געווארען פון דעם פראוויזארישען פרעזידענט זאמארא. ער האט דערקלערט, אז עס איז ביי איהם דער גליקליכסטער טאג אין זיין לעבען.

בארצעלאנא, שפאניען, יולי 15.

דער פארלאמענט פון דער שפאנישער פראווינץ קאטאלאנא, האט איינשטימיג היינט אנגענומען א „ביל" פאדערנדיג פולשטענדיגע אויטאנאמיע אין די גרעניצען פון שפאניען, פאר דער פראווינץ.

דער סטאטוט וועט גענומען ווערען צו א פאלקס-אפשטימונג.

הונדערטער מענשען קומען מנחם-אבל זיין די שטיינבערגס

צוויי טעג נאך אברהם שטיינבערג'ס הינריכטונג, איז עס נאך אלץ דער געשפרעך פון טאג אויף דער אידישער גאס אין טאראנטא. אין יעדען אידישען הויז און אויף יעדער אידישער פארזאמלונג הערט מען ניט אויף צו ריידען וועגען דער טראגישער פאסירונג פון דער הינריכטונג פון דעם ערשטען אידען אין טאראנטא.

די פאמיליע שטיינבערג, וועלכע זיצט שבעה אויף 126 מיקאל סטריט, ווערט טעגליך באזוכט פון הונדערטער נייגעריגע פריינט, וועלכע קומען מנחם-אבל זיין די אבלים. סימפאטיע-בריעף פון אלע טיילען פון דער פראווינץ ווערען אויך טעגליך דערהאלטען פון די שטיינבערגס.

טראץ דעם וואס די פאמיליע האט שוין אביסעלע זיך בארוהיגט, פונדעסטוועגען זענען נאך אלץ ניט געקומען צוזיך פון דעם גרויסען אומגליק וואס עס האט זיי געטראפען.

פראנצויזישע פליער וועלען מאכען נאך א פארזוך

פאריז, יולי 15.

דער באריהמטער פראנצויזישער פערפיום-מאגנאט, קאטי, האט היינט דערקלערט, אז ער וועט ווידער העלפען די פראנצויזישע פליהער מארסעל דארעט און דזשאזעף לע־ברי, צו מאכען א צווייטען פארזוך צו איבערפליהען קיין טאקיא, יאפאן, ניט אפשטעלענדיג זיך.

זייער איצטיגער פארזוך האט זיך ניט איינגעגעבען, נאכדעם ווי די פליהער האבען זיך קוים געראטעוועט מיט זייער לעבען אין די סיבירער ווילדערנישען, ווען זייער עראפלאן „העיפען" האט ארונטערגעקראכט. זיי האבען זיך געראטעוועט מיט דער הילף פון פאראשוטען, און זיי זענען אויך לייכט פארוואונדעט געווארען.

קאנאדעס אימיגראציאנס פאליסי וועט געענדערט ווערען

אטאווא, יולי 15.

אז די קאנאדער רעגירונג פלאנעוועט צו אננעהמען א נייע אימיגראציאנס פאליסי איז צו זעהן פון דער באקאנטמאכונג, וואס דער סעקרעטערי אף סטייט, האנ. ס. ה. קאהאן, האט אין פעדעראלען פארלאמענט נעכטען געמאכט, אז דער נאציאנאליטעט „ביל", וועלכער איז שוין דורכגעגאנגען די צווייטע „רידינג", וועט היינטיגען יאר ניט אנגענומען ווערען, און וועט אפגעלייגט ווערען אויף א יאר צייט.

דער „ביל" וויל קלאהר מאכען וואס עס הייסט אזוינס א קאנאדער בירגער. דער מיניסטער האט דערביי דערקלעהרט, אז עס איז באשלאסען געווארען צו אפלייגען דעם ביל, כדי געוויסע ענדערונגען אינ'ם אימיגראציאנס געזעץ זאלען, אין פארלויף פון דער צייט, קענען געמאכט ווערען.

אין וואס די אימיגראציאנס-ענדערונגען וועלען באשטעהן איז דערווייל ניט באקאנט.

הילף פאר מערב-קאנאדער פארמערס און ארבייטסלאזע

רידזשיינא, יולי 15.

אז די קאנאדער רעגירונג איז גרייט צו אויסטיילען 75 מיליאן דאלאר צו פארמערס פון די מערב-קאנאדער פראווינצען, באזונדערס יענע פארמערס וועלכע האבען געליטען פון דער טריקעניש אויף די פעלדער, איז דער אנאפיציעלער באריכט וואס איז דא דערהאלטען געווארען פון אטאווא.

פון דער דאזיגער סומע וועט סאסקאטשיוואן אליין באקומען צוואנציג מיליאן דאלאר.

מיט די 75 מיליאן דאלאר וועלען געהאלפען ווערען ניט בלויז די געליטענע פארמערס, נאר אויך די היגע ארבייטסלאזע. דער דאזיגער באריכט איז טיילווייז באשטעטיגט געווארען פונ'ם פראווינציעלען פרעמיער פון סאסקאטשיוואן, דר. ענדערסאן, ווען ער האט דערקלעהרט, אז א קאמיסיע פון 3 וועט באשטימט ווערען צו דורכפיהרען די הילפס-ארבייט אין די „וועסט".

„צופוילטע גערעכטיגקייט מאשין" אין אמעריקע, קריטיקירט

וואשינגטאן, יולי 15.

די וויקערשאם קאמיסיע וועלכע איז געהאט באשטימט געווארען פון דער רעגירונג אין וואשינגטאן, מיט'ן צוועק צו אויסגעפינען אויב אלץ איז אין ארדנונג מיט דער „גערעכטיגקייט מאשין" אין די פאראייניגטע-שטאטען, האט אין א באריכט, וועלכען זי האט צוגעשטעלט וועגען איהר אונטערזוכונג, געבראכט א ביישפיעל פון דער באריהמטער מוני-בילינגס קייס, כדי צו אילוסטרירען די צופוילטקייט פון דער „גערעכטיגקייט-מאשין" אין לאנד.

עס איז באוויזען געווארען, אז טראץ דעם וואס א וויכטיגער עדות פאר דער אנקלאגע איז שפעטער אנגעקלאגט געווארען אין שווערען פאלש, פונדעסטוועגען האבען די העכסטע געריכטען דאך ניט געפונען פאר נויטיג צו געבען די פאר'משפט'ע א נייעם פראצעס.

צעפעלין קאנסעלט איהר געפלאנטע פליה-רייזע

לאנדאן, יולי 15.

דער געפלאנטער באזוך פון דעם „גראף צעפעלין" אין לאנדאן היינטיגען דאנערשטאג, איז אפגעלייגט געווארען, צוליעב דעם איצטיגען קריזיס אין דייטשלאנד.

די רייזע איז אפגעלייגט געווארען אויף אן אומבאשטימטער צייט, ביז די לאגע אין דייטשלאנד וועט זיך פארבעסערען.

אלוועלטליכער אידישער קאנגרעס פאר [illegible] אויף קומענד [illegible] אר

N Y Public Library 5th Ave NEW YORK N Y

רבי סטיפען וויז

וועלכער האט פאררופען דעם אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס.

באזעל, יולי 15, (איטא).

ביי דער שליסונג פון דער קאנפערענץ וואס איז פאררופען געווארען פון דעם אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, צו מאכען פרעלימינארע פלענער, איז באשלאסען געווארען, אז אן אלוועלטליכער אידישער קאנגרעס זאל אפגעהאלטען ווערען קומענדען זומער 1932.

די קאנפערענץ איז אפגעהאלטען געווארען אונטער'ן פארזיץ פון רבי סטיפען וויז, און עס איז באשלאסען געווארען צו איינלאדען אפיציעלע פארטרעטער פון אידישע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס פון אלע טיילען פון דער וועלט, צו באטייליגען זיך.

א פראוויזיאנעלער פרעזידיום איז דערוועהלט געווארען, באשטעהענד פון רבי וויז, לעאן מאצקין, רבי מרדכי נורראק, וועלכער איז א מיטגליד פון ליטווישען פארלאמענט, און אסקאר קאהן, דער דייטשער סאציאליסטישער פיהרער.

ז. טיגעל פון ניו יארק איז באשטימט געווארען אלס סעקרעטאר פונ'ם פרעזידיום.

מאסאליני וועט מאביליזירען פאשיסטען כדי צו איבערצייגען שטארקייט פון זיין פארטיי

רוים, יולי 15.

די דירעקטארען פון דער פאשיסטישער פארטיי, מיט מוסאליני'ן בראש, האבען היינט ארויסגעגעבען א לאנגע דעקלאראציע, אין וועלכער זיי רופען אן אלע אנקלאגען פון דעם פויפסט אויף די פאשיסטען, אלס „העסליכע ליגענס".

די דאזיגע דעקלאראציע איז פון די פאשיסטישע דירעקטארען ארויסגעגעבען געווארען נאכדעם ווי א פיער שעה'דיגע פארזאמלונג איז צווישען זיי אפגעהאלטען געווארען.

אין דער דאזיגער דעקלאראציע ווערט אויך אפען דערקלעהרט, אז די פאשיסטישע פארטיי, וועט זעהן באקומען די גאנצע איטאליענישע יוגענט אונטער איהרע פליגעל, און כדי צו איבערצייגען פאר דער וועלט די פאשיסטישע מאכט אין איטאליען, איז א באשלוס אנגענומען געווארען צו מאביליזירען אלע אנהענגער פונ'ם פאשיזם און ספעציעלע מאנעווערס זאלען, פאר די דאזיגע מאביליזירטע, באשטימט ווערען.

עס איז איבערגעגעבען געווארען, אז די פאשיסטישע פארטיי איז מעכטיג ווי א פעלז, פארמאגענדיג א מיטגלידערשאפט פון 873 טויזענט דערוואקסענע, און 642 טויזענט יונגע. אחוץ דעם זענען אויך פאראן איבער צוויי מיליאן יונגע איינגלאך, אינ'ם עלטער פון 8 יאר און העכער, וואס באלאנגען צו דער פאשיסטישער פארטיי. דורך דעם איז אויסען געווען צו אנצייגען אויפ'ן גוואלדיגען וואוקס פון דער פארטיי אין די לעצטע מאנאטען — און די מעהרסטע וואס זענען צוגעקומען, האבען זיך אפגעריסען פון די קאטוילישע ארגאניזאציעס.

פינף ראטעווען זיך פון סם פארגיפטונג

סאסקאטון, סאסק., יולי 15.

רעגנאלד דרוז, א 35 יאריגער פארמער איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע אז ער האט געוואלט פאר'סמ'ען 5 פערזאן — זיין פלימעניצע, צוויי קינדער, א מאן, און דער מרס. אנגעס לאנגעיל. פארוואס ער האט זיי געוואלט פאר'סמ'ען איז ניט באקאנט, נאר אין אלע שפייזען וועלכע ער האט פאר זיי צוגעגרייט, האט מען געפונען סם.

גליקליכערווייז האבען זיי עס דערשמעקט אין צייט, און עס ניט גענעסען.

יאסעלע ראזענבלאט'ס זוהן פארלאבט

ניו יארק, יולי 15.

דא איז היינט אנאנסירט געווארען די פארלאבונג פון הענרי ראזענבלאט, א זוהן פון חזן יאסעלע ראזענבלאט, צו מיס דארעטא סטארק, א טאכטער פון אדאלף סטארק פון מאנטרעאל.

חזן שליסקי ארויסגערופען געווארען פון טאראנטא פאר אידישער פילם-פראדוקציע

חזן יאכעלע שליסקי, וועלכער איז אין פארלויף פון דער לעצטער וואך געווען צו גאסט אין טאראנטא — זיין אייגענע טאראנטא, איז געווען געצוואונגען צו פארלאזען די שטאדט, געגען זיין אייגענעם ווילען, ווען ער איז דרינגליך ארויסגערופען געווארען פון דער „דזשודיא פילם קאמפאניע" (א געזעלשאפט וועלכע פראדוצירט אויסשליסליך אידישע בילדער), צו קומען גלייך צו פאהרען קיין ניו יארק, אום צו באטייליגען זיך אין זעקס נייע אידישע טאקים וועלכע ווערען איצט פראדוצירט.

פון צווישען אלע בעסטע אמעריקאנער חזנים איז חזן שליסקי אויסגעקליבען געווארען פון דער פירמע אלס דער בעסטער פאר דעם צוועק.

ער, צוזאמען מיט א גוט איינגעשטודירטען כאהר פון פופציג, וועלען זיך באטייליגען מיט אינטערעסאנטע חזנישע פראגראמען און כאראקטעריסטישע קאנצערט נומערען.

חזן שליסקי, וועלכער האט געפלאנעוועט צו פארבלייבען אין טאראנטא אויף נאך א פאר וואכען, וואו ער האט געזאלט דורכפיהרען אדער באטייליגען זיך אין א צאהל אונטערנעהמונגען, איז געווען געצוואונגען, אלס רעזולטאט פון דער דאזיגער דרינגליכער ארויספאדערונג, צו פארלאזען נעכטען די שטאדט, נאך ניו יארק.

חזן יאסעלע שליסקי

אין „זשורנאל", וואוהין ער איז געקומען זיך געזעגענען, האט ער אויסגעדריקט זיין טיפען באדויערען, וואס איהם קומט אוים אזוי שנעל צו פארלאזען זיין אייגענע טאראנטא.

קאמוניסטען און פאשיסטען ווערען טעטיג אין דייטשלאנד

בערלין, יולי 15.

אין דער צייט ווען דייטשלאנד געפינט זיך היינט אין א קאנוואולסיווען צושטאנד, מיט אלע בענק און פינאנץ-אינסטיטוציעס געשלאסען, האט די געפאהר פון א גענעראל סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד, זיך אלץ מעהר אויסגעשפרייט, און עס האלט דערביי, אז דאס דייטשע פאלק זאל אריינגעווארפען ווערען אין א בירגער-קריעג, וועלכעס קאן פיהרען צו דעם צוזאמענפאל פון דער יונגער דייטשער רעפובליק.

די דייטשע קאמוניסטישע פארטיי, וועלכע צעהלט, ווי מען גלויבט, א מיטגלידערשאפט פון 6 מיליאן אין לאנד, האט ארויסגעגעבען א פראקלאמאציע רופענדיג די דייטשע ארבייטער מאסען צו א גענעראל סטרייק.

אין דער זעלבער צייט זענען די פאשיסטען אויך געווארען גאנץ טעטיג. אין פארשיידענע טיילען פון לאנד זענען פארגעקומען גאסען-קאמפען וואס זענען פאראורזאכט געווארען פון די פאשיסטען. א צאהל זענען פארוואונדעט געווארען.

איד ארעסטירט פאר שלאגען אידישען פרוכט פעדלער

סעם לעווי, פון 85 מיידזשאר סטריט, איז נעכטען פארנאכט ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע פון אנגריף, וואס עס איז געגען איהם געליינט געווארען, ווען ער האט צושלאגען דעם אידישען פרוכט פעדלער מאקס קאצמאן, פון 113 יוראן סטריט.

קאצמאן איז געפאהרען מיט זיין פערד און וואגען אויף מיידזשאר סטריט, פארקויפענדיג די סחורה, ווען א מחלוקת איז ענטשטאנען צווישען קאצמאנ'ען און לעווינ'ען. אין פארלויף פון דער מחלוקת האט לעווין דערלאנגט קאצמאנ'ען אזא „מתנת-יד", אז דער לעצטער איז געפאלען באוואוסטלאז.

פאליציי איז באלד אנגעקומען און האט ארעסטירט לעווינ'ען פאר האבען „צו לאנגע הענט".

נאך צוויי פליער לאזען זיך ארויס איבער דעם אטלאנטיק

הארבאר-גרייס, ניופאונדלענד, יולי 15.

נאך אן עראפלאן מיט צוויי פליהער האבען היינט אנגעהויבען א טראנס-אטלאנטישע לופט-רייזע פון דאנען קיין בודאפעסט, אונגארן. דער עראפלאן אויף וועלכען זיי האבען זיך ארויסגעלאזען אויף זייער געוואגטער רייזע, הייסט „דזשאסטיס טו הונגערי" (גערעכטיגקייט צו אונגארן). די צוויי פליהער זענען: דזשארדזש ענדרעס און אלעקסאנדער מאגיאר, באאמטע פון דער אונגארישער ארמיי.

דער ניו יארקער וועטער-נביא האט זיי פאראויסגעזאגט גינסטיגע ווינטען, אבער זיי וועלען האבען נעפלען, אויף דעם גרעסטען טייל פון זייער וועג איבער'ן אטלאנטיק.

די רייזע האבען זיי אנגעהויבען 11.13 אין דער פריה.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פאָרזעצונג)

— און ווער איז דער, וועמען ער נעהמט פאר א "ראיד" — האט מענועל געפרעגט.

— דאס ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, עס איז דער טעקסי־דרייווער, וואס ער שטעהט אלע מאל מיט זיין טעקסי ביי דער טיר פון דער "ראמא" קאפעי.

— אלרייט! — האט מענועל געזאגט — באגעגען מיך אויפ'ן קארנער מיט אונזער מאשין. איך וועל קומען מיט צוויי באוואפנטע פאליסלייט.

ער האט אויפגעהאנגען דעם רעסיווער און איז ארויס פון טעלעפאן־שטייבעל, ווישענדיג דעם שוויים פון שטערן.

— דאס מאל מוז איך מאכען אן ארעסט! — האט מענועל גערעדט צו זיך אליין, ארויסגעהענדיג שנעל פון דער "אראליזי". — איין ארעסט אזא וואלט מיך געבראכט אויפ'ן שפור פון אנדערע גרויסע זאכען.

עטליכע מינוטען שפעטער איז ער שוין געשטאנען אויפ'ן קארנער, אין דער באגלייטונג פון צוויי ציוויל־געקליידעטע פאליסלייט. וועלכע האבען געטראגען גע־לאדענע רעוואלווערן אין זייערע קעשע־נעס.

א מאשין איז דורכגעלאפען הארט ביים קארנער און האט זיך האסטיג אפ־געשטעלט. דאס טירעל האט זיך געעפענט און דיקס האט ארויסגעשפארט דעם קאפ

—שנעל! — האט ער גערופען — יעדע מינוט איז טייער.

מענועל און זיינע צוויי באגלייטער זענען שנעל אריינגעשפרונגען אין דער מאשין. דיקס האט אנגעטראטען אויף דער גאז און די מאשין האט זיך א ריהר געטאן פון ארט — פלאט איז קאלטבלו־טיג געזעסען לעבען איהם און האט געדרוי־כערט א ליולקע.

די מאשין האט זיך אין ווילדען גע־יעג געטראגען איבער די באלעבטע גא־סען פון דער שטאדט. אבער אין פאר־לויף פון עטליכע מינוט איז די מאשין געווען הינטער זיי און פאר זיי האט זיך געצויגען די פינסטערע נאכט. וועלכע האט געשיינט צו זיין נאך פינסטערער און געהיימניספולער צוליעב די געדיכטע ביי־מער, וואס האבען געשיצט דעם וועג פון ביידע זייטען.

ארום איז געווען שטיל. עס האט זיך בלויז געהערט דאס קרעכצען פון דער מאשין. די פינף מענער אין דער מאשין זענען געזעסען מיט פינסטער־ערנסטע פנים'ער, קוקענדיג מיט אנגעשטריינגטע בליקען אין דער פינסטערער נאכט. מענו־על האט פון צייט צו צייט זיך ארויסגע־בויגען פון דער מאשין, אזוי ווי בעסער צו באטראכטען דעם וועג, אויף וועלכען זיי זענען געפאהרען.

— עס זעהט זיך קיין זאך ניט — האט ער געזאגט שטילערהייט, אזוי ווי צו זיך אליין.

— מיר זענען אויפ'ן ריכטיגען וועג — האט פלאט פון זיין זייט־פארזיכערט.

— מיר זאלען נאר ניט קומען צו שפעט — האט מענועל ווידער געזאגט מיט א באזארגט קול.

— מיר וועלען זיין אין צייט — האט דיקס געזאגט — איך האב די נויטיגע אינפארמאציע. איך בין ניט זיכער בלויז אין איין זאך.

— וואס מיינסטו? — האט מענועל געפרעגט.

— איך מיין — האט דיקס געזאגט — אז איך בין ניט זיכער צי עס וועט אונז געלינגען צו ראטעווען דעם קרבן פון זייערע הענט.

— דעם קרבן?

— יא. איך מיין דעם יונגעמאן, וואס די גענגסטער האבען גענומען פאר א ראיד.

— א, דער יונגערמאן — אינטערע־סירט מיך ניט! — האט מענועל אויס־גערופען מיט אומגעדולד.

— ניין?

— זיכער ניט. וואס אונז אינטערע־סירט איז צו כאפען איינעם אדער אלע פון דער גענג.

— דאס וועלען מיר זיכער באווייזען — האט פלאט געזאגט מיט א פעסטקייט אין קול.

די פראגע איז נאר, צי זענט איהר זיכער, אז מיר פאהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג — האט מענועל געזאגט.

— דאס איז זיכער — האבען ביידע דעטעקטיווס געענטפערט אין איין קול.

* * *

אין דער זעלבער צייט האט אן אנ־דער מאשין זיך געטראגען אויף דעם זעל־בען וועג. די דאזיגע מאשין איז געווען געטריבען פון מעקסי'ן. ער איז געזעסען אזוי ווי א פארשטארטער פון שרעק ביים ראד פון דער מאשין. ער האט געפיהלט ווי דאס בלוט איז פארגליווערט געווארען אין זיינע אדערען, און ווען ניט ליגא, וועלכער איז געזעסען ביי זיין זייט, מיט א געלאדענעם רעוואלווער אין דער האנט, וואלט מעקסי שוין לאנג געווען ארויסגע־לאזט די ראד פון זיינע הענט.

די דאזיגע מאשין אבער, וואס מעקסי האט געטריבען, איז געלאפען ניט פאר־אויס פון דער מאשין אין וועלכער די דעטעקטיווס האבען זיך געפונען, נאר הינטער איהר. עס איז אויסגעקומען, אז ניט די דעטעקטיווס האבען זיך געיאגט נאך די גענגסטערס, נאך פארקעהרט, אז די גענגסטערס האבען זיך גאר געיאגט נאך די דעטעקטיווס.

ארויסגעקומען איז דער דאזיגער טעות צוליעב דער אונטערשיעד אין עט־ליכע געצעהלטע מינוט. ליגא, וועלכער האט געפיהרט מעקסי'ן ביים קאלנער און האט איהם ניט ארויסגעלאזט פון דער האנט ביז מעקסי האט זיך אוועקגעזעצט ביים ראד, האט, אין זיין גרויסער פאר־זיכטיגקייט און אויסגערעכענטקייט, פלוצלונג געענדערט זיין מארשרוט.

די ארומיגע, וועלכע זענען געווען שטארק אנטוישט וואס ליגא'ס באנקעט האט זיך געענדיגט אויף אזא אופן, און איבערהויפט מיצי, וועלכער האט ניט גע־קאנט פארגעסען, אז אזוי פיעל גוטע זא־כען זענען נאך פארבליבען אין קיך — די אלע זענען געווען זיכער, אז ליגא איז אזוי צורודערט און ווילד, אז ער ווייסט ניט וואס עס טוט זיך מיט איהם, און אז ער ווייסט ניט וואס עס טוט זיך ארום איהם. באזונדערס האט אזוי געמיינט פעטריק, און צוליעב דעם דאזיגען טומעל וואס איז אנטשטאנען נאך דעם ווי ליגא האט ארויסגעפיהרט מעקסי'ן פון זאל און האט איהם אריינגעזעצט אין דער טעקסי. איז איהם ניט שווער געווען דורך איינעם פון זיינע מענשען צו לאזען וויסען די "גרינע אויגען" וועגען דעם דאזיגען "ראיד". ער האט געוואוסט די געגענט. וואוהין אזעלכע חברה־לייט ווערען גע־וועהנליך געפיהרט, און ער האט געטראכט, אז קיין בעסערע געלעגענהייט ווי אזוי פטור צו ווערען פון ליגא, האט ער קיינ־מאל ניט געקענט ערוואַרטען.

אבער איהם איז ניט איינגעפאלען, אז ליגא וועט זיין אזוי אויסגערעכענט און וועט, אין דער לעצטער מינוט, נעה־מען אן אנדער מארשרוט, און דערפאר האט עס פאסירט, אז צוליעב די עטליכע

אויב אייער קינד וויל ניט טרינקען קיין מילך—

אט איז א פארשלאג פאר דער מוטער וועלכע האט פרובירט, אהן דערפאלג, צו צווינגען די קינדער צו טרינקען מילך רע־גולאר.

א סך מוטערס דערצעהלען אונז אז זיי האבען בייגעקומען דאס איינגעשפארטקייט פון אפילו דאס צולאזענסטע קינד דורך אריינמישען אביסעל וואי־טאן אינ'ם מילך — דער רעזולטאט איז, א גוט באַ'טעמ'טער גע־טראנק — און עס איז פונקט אזוי גוט ווי באַ'טעמ'ט.

וואי־טאן איז א קאמבינאציע פון די וויכטיגסטע וויטאמינען פון דעם סאיא בעבעל, און מאלט עקסטראקט. ווען עס ווערט צוגעגעבען צו מילך פאר־גרעסערט עס די נארונגס ווערט פיעל מאל אזוי פיעל.

קריגט א בלעכעל היינט פון אייער גראסער אדער דראגיסט — אדער פרובירט עס ביים סאדא פאונטיין.

The Vi-Tone Co. Hamilton

VI-TONE

שפייז, טאניק, געטראנק

קויפמאן ברידער און פיין

דזשיי. לאמבערס קא. לימיטעד.

די אנטאריער דיסטריבו־טארס פאר'ן אידישען טרייד.

PRATTS

אויטאמאטישער פוירנייס בלאוער

רעדוצירט אייער באהייצונגס ביל אויף 35 פראצענט.

פאר א דעמאנסטריישאן און פארטיקולארס טעלעפאנירט:

הארגרייוו 1201

צו פארדינגען

צו פארענטען א פערטעל פלאר, פא־סיג פאר אלערליי מאנופעקטשורינג. מעסי־גע רענט. קאפיטאל דרעס קאמפאני, לימי־טעד, 3־טער פלאר, 130 ספעדיינע עוו.

5593-7-19)

צו פארענטען רומס אויף א פארם, אויפ'ן דאנדעס הייוועי. פרעגען 285 יוקליד עוו. טריניטי F. 5988.

5588-7-19)

צו פארענטען אן 8 רומיגע סאליד בריק הויז, 2 פלעטס. אלע קאנוויניענס. 334 מארקהאם סטריט. פרעגען מר. קטאץ 153 מיקאל סטריט. ווייווערלי 2437 פון 8 פריה ביז 6 נאכמיטאג. לידיג דעם 26־טען יולי.

416-7-17)

צו פארענטען א פלעט אין א נייער מאדערנער הויז. אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט. יעצט ליידיג, מיט אדער אהן גאראדזש. 37 ראשהאלם דרייוו. טעל. מעלראוז 8876.

5589)

$35. צו פארענטען א 5 רומיגען מיטעלסטען אפארטמענט, הייסע וואסער, ניי דעקארירט, דזשעניטאר סערוויס, 6 גאר סטריט, נעבען קאלעדזש און קלינטאן פרעגען דזשעניטאר, אפארטמענט 2. לידיג דעם ערשטען אויגוסט.

5574-7-16-19)

צו פארענטען 2 רומס מיט אלע קאנ־וויניענס ביי א קליינער פאמיליע. 245 גרייס סטריט.

5602-7-16-19)

צו פארענטען 2 רומס, ביליג רענט. פרעגען 182 בעלוואודס עוו.

5606)

צו פארענטען א פלעט אין סאן רום הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, גא־ראדזש אויב נויטיג. פרעגען 480 קראפארד סטריט. לאמבארד 8047.

5608-7-20)

$35. צו פארענטען א 5 רומיגען מיטעלסטען אפארטמענט, הייסע וואסער, ניי דעקארירט, דזשעניטאר סערוויס. 6 גאר סטריט, נעבען קאלעדזש און קלינ־טאן. פרעגען דזשעניטאר, אפארטמענט 2. לידיג דעם ערשטען אויגוסט.

5574-7-16-19)

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום. מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

מינוט וואס ליגא האט פארלוירען ארויס־פאהרענדיג צום וועג אויסערן שטאדט דורך אנדערע גאסען, איז מעקסי'ס טעקסי אנגעקומען אויף יענעם וועג מיט צעהן מינוט שפעטער, נאכדעם ווי די דעטעק־טיווס זענען שוין געהאט דורכגעלאפען יענעם וועג. און אויף אזא אופן איז אויס־געקומען, אז אין דער צייט וואס מענועל האט מיט אנגעשטריינגטע אויגען געקוקט פאראויס, איין דער פינסטערער נאכט צו־הערענדיג זיך צום קלענסטען קלאנג וואס זיין אויער האט געקענט פארנעהמען. אין דער זעלבער צייט איז די מאשין, וועלכע זיי האבען געזוכט, גאר געווען מיט א פאר מייל הינטער זיי.

(שטערט פארזעצונג)

הפצ'ס

שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד

יעצט זעהר ביליג

צו באקענען די רוסישע לאנדסלייט מיט מיין וואונדערבארע דעליווערי פון שפייז פעקלאך אין יעדען ווינקעל פון רוסלאנד בלויז פאר א קורצער צייט:

10 קילא, 25 פונט — — — $4.95
5 קילא, 12½ פונט — — — $2.75

אויסוואהל פון מעהל, רייז, מאנגע גריפען, צוקער, קריסקא

פולע גאראנטיע — אונטערשריפטען פאר יעדען פעקעל. ביליגסטע פרייזען אין אמעריקע.

הפצ'ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

פארלאנגט

יונגע פרוילין פארלאנגט א רום מיט ברעקפעסט אויך סאפערס, זאל זיין אין נארט דיסטריקט פון טאראנטא. וואו מען קען נעהמען די ליעסייד סטריט קאר. שרייבט "זשורנאל" באקס 586.

5587-7-16)

פארלאנגט יונגע מענער און פרויען צו קענוועוסען א פראפאזישאן, וואס עס איז קיינמאל נישט געווען אין טאראנטא. פעהיגע לייטע וועלען זיכער מאכען א פיינעם לעבען, סטעדי אדער האלבע צייט, ווי אויך קאלעדזש באיס קאנען מאכען גענוג עס זאל זיי באצאלען זייער נעקסטען קורס אין קאלעדזש. פרעגען פון 9 פריה ביז 4 נאכמיטאג, מר. ווינטער, 3 טשארלעס סט. וועסט. זאלען אויך קענען רעדען רוסיש און פויליש.

417-7-19)

פארלאנגט היטלאך, בעסטע פרייזען געצאהלט. פרעגען טעל. טריניטי J 3155.

5570-7-14-6-19)

א יונגע דייטשע פרוי פארלאנגט צו טאן אלערליי הויז ארבייט ביי דער שטונ־דע. 77 גרענדזש עוו.

5600-7-19)

פארלאנגט א פרוי צו אכטונג געבען אויף 2 רומס און סטאר, ניט עלטער ווי 45 יאהר. 406 בלור סטריט וועסט.

5594-7-17)

פארלאנגט עקספיריענסד סיילסליידי פאר רעדי־טו־וועיר סטאר. פרעגען 617 דענפארט עוו.

5596)

א יונגע פרוי פארלאנגט א דזשאב אין אן ארענטליכער פאמיליע אלס א קעכין און פאר הויז ארבייט. נאכפרעגען טעל. טריניטי 3610, מרס. סילווער.

5598)

סטענאגראפער און בוקקיפער פאר־לאנגט א פאזישאן. טריניטי J 0015.

5599)

פארלאנגט עקספיריענסד ווייטערס און ווייטרעסעס, מוזען זיין עקספיריענסד פרעגען רובינס רעסטאראן, 370 קאלעדזש סטריט.

420-7-19)

באי זוכט ארבייט, עקספיריענסד אין גראסערי און פרוכט ביזנעס, קען רעדען ענגליש, קען אויך דרייווען א טראק, איז ווויליג צו ארבייטען שווער און פאר קליי־נע וויידזשעס. איז געטריי. — טעלעפאן טריניטי 2286.

5603)

פארלאנגט אן עקספיריענסד פאריער צו קאלערס און קאפס. פרעגען עטלין קלאוק קא. 315 קאלעדזש סטריט.

5595)

צו פארקויפען

צו פארקויפען א פערד און וואגען. 463 קינג סטריט איסט, נאך 6 א זייגער אין אווענט.

5568-7-16)

35 הונדערט. הויז, מיידזשאר סטריט, 6 רומס, הארדוואוד פלארס, אלע מאדער־גריינער און קאמפאני, 265 קווין סטריט נע קאנוויניענס. 5 הונדערט קעש. — וועסט.

5591-7-16)

צו פארקויפען דעם בעסטען רעסטאראן אויף ספעדיינע עוו. מוז פארקויפט ווערען, גרויסער בארגיין. אורזאכע קראנקהייט. פרעגען 322 ספעדיינע עוו.

5607-719)

צו פארקויפען, ביליג, א זומער קא־טעדזש, 5 רומס, אונפורנישד, פרענטש־מאנס, ביי 15 הונדערט. גרינגע פיימענטס טעל. רענדאלף 7539.

5601)

וויל בייטען א ביוטי פארלאר, 9 רומיגע וואוינונג מיט 2 באד רומס, און ענעקס פאר א קלענערע הויז. טעלעפא־נירט עדעלייד 6227.

6227-7-19)

44 הונדערט. סאליד בריק הויז, מענינג און הארבארד, הארדוואוד פלארס, פרענטש טירען, א גרויסער בארגיין. טעל. טריניטי 5245.

5604-7-16-19)

צו פארקויפען א גראסערי. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. פרעגען 387 ספעדיינע עוו.

5609-7-19)

צו פארקויפען, ביליג, קאנפעקשאנערי, קעיקס, פייסטרים, קענדי, דרינקס, גרא־סעריס, קארנער סטאר, סטאק און פיקס־טשורס. 450 הונדערט, אדער בעסטער אפער, 319 קווין סטריט איסט.

5611-7-17)

פעדלערס פארלאנגט

פארלאנגט פעדלערס צו פארקויפען דעם „אידישען זשורנאל", קען מאכען א שעהן לעבען. נאכפרעגען אין אפיס פון זשורנאל.

וויוויאן אנטאריא

צו פארענטען רומס אויף א פארם נעבען א וואסער מיט עלעקטריק און וואסער אין בילדינג. ביליגע פרייזען, 35 מייל פון שטאדט, גוטער הייוועי. טעלעפאנירט:

מאונט אלבערט 1620

אדער שרייבט:

מר. שעקמאן, וויוויאן, אנט.

זייט ניט אפגעריסען פון דער שטאדט און פון דער וועלט

אין דער צייט פון אייער וואקאציע, ווען איהר פארט אין קאנטרי, זייט ניט אפגעריסען פון דער וועלט און פון שטאדט. זעהט דער

„אידישער זשורנאל"

זאל אייך באגלייטען.

ROYAL TICKET OFFICE

153 QUEEN ST. W. AD. 2047

שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד

5 קילא פון $2.70 10 קילא פון $4.80

גאראנטירט פרישע שפייז. ביליגסטע פרייזען אין טאראנטא.

שיפסקארטען

צו עקסקורישען פרייזען.

געלט אין דאלארען

געשיקט אמשנעלסטען.

סיטיזען פייפערס

אן שוועריגקייטען.

אינשורענס, מארטגיידזשעס א. ז. וו.

שנעל — ראיעל — גאראנטירט.

אליהו דאגלאס

אפיציעלער טיקעט אגענט.

חזן ב. וואלאדאווסקי

היניעניש נעשולטער סוירדזשען

מוהל

— אויך —

מאדערנער מסדר קדושין

סירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.

טעלעפאן קינגסדייל 8832.

פרימע אומזיסט.

SUMMER RESORTS

זומער רעזארטס

צו באפרייען זיך פון זארג. אנקלייבען פרישע כוחות און הנאה האבען פון אייער וואקיישאן אויף פרישע לופט און היימישער אידישער סביבה. פארט אין פאלגענדע אידישע זומער פלעצער:

LAKESIDE HOUSE

JACKSON'S POINT P. O. ONT.

מר. און מרס. אלספעקטאר, פראפרייטערס. דיזער האטעל איז באוואוסט צו טויזענ־טער אידען אלס איינער פון די שעהנסטע און בעסטע האטעלס אין קאנאדע. אויף דעם ברעג פון לייק סימקאָ. נאר די בעסטע שפייזען ווערען דא סערווירט. פיינע געזעל־שאפט, נייע אטרעקשאנס דאס יאהר — וואסער ספארטס און גאלף.

ספעציעלע פרייזען פאר פאמיליעס

רופט אפ אין שטאדט: מרס. זאלצמאן, 608 דאנדעס סטריט וועסט. טריניטי 8946.

אדער שרייבט: —

LAKESIDE HOUSE Jackson's Point P.O. Ont.

Telephone MR. ALSPECTOR, "Sutton"

דער באוואוסטער זומער רעזארט

— פון —

GREENSPOON BROS. BOLTON,--ONT.

איז אפען פאר ביזנעס

דער איינציגער רעזארט און בעסטער פלאץ אין אנטאריא פאר אייערע וואקאציעס. לופטיגע רומס, לופטיגער דיינינג רום, גוטער ביידינג ביטש. פרייע שיפלאר, טענים קאורטס, פלעי גראונד פאר קינדער. מיר סערווירען די בעסטע, פרישטע, כשרה מיעלס. מילך, עגגס און וועדזשעטייבעלס פון אונזער אייגענעם פארם וויפיעל איהר פארלאנגט. צופרידענהייט גאראנטירט. מעסיגע פרייזען. 28 מייל פון טאראנטא, גוטער ראוד דורך וועסטאן, וואודברידזש, קליינבערג, באלטאן. מאכט אייערע רעזערוויישאנס אין צייט. שרייבט באקס 40 אדער טעלעפאנירט באלטאן 114. אונזערע קארס וועלען אייך ברענגען צום הויז.

עלענטאפ'ס גרעפטאן זומער רעזארט

אין דער שעהנסטער פלאץ אין אנטאריא! הונדערטער אקערס לאנד אויפ'ן ברעג פון שעהנעם לייק אנטאריא, מיט א פראכטפולען פארק און דענסינג פאוויליאן. בעסטע מאלצייטען, ריין און פריש. זעהר מעסיגע פרייזען. שרייבט אדער טעלעפאנירט:

ALLENTOFF, GRAFTON, ONT.

ביידינג, באוטינג, און טאנצען

באן און באס סירוויס 5 מאל טעגליך.

סאלפער ספרינגס האטעל

אין פרעסטאן

שעהנע רומס

גוטע בעדער

געזונטער קלימאט

פריי טראנספארטיישאן צוויי מאל א וואך.

פרישסטע בעסטע מאכלים סטריקטלי כשר

סאלפער בעטס זענען רעקאמענדירט פאר די פאלגענדע קראנקהייטען: רומאטיזם, לאמבעגא, ניורייטיס, סייעטיקא, אין אלע פארמען פון ארטרייטיס, גאוט, פעטקייט, נערוועזער צושטאנד, שלאפלאזיגקייט, א. ז. וו. בעסטע באקוועמליכקייטען און צופרידענהייט גאראנטירט. פאר אלע אינפארמאציעס און רעזערוויישאנס קאן מען זיך גלייך ווענדען צו 43 סיסעל סט. טעלעפאן טריניטי 8694.

SULPHUR SPRINGS HOTEL

PRESTON, ONTARIO

בעסטער זומער פלאץ אין אנטאריא

SPRING HILL HOUSE

א זומער פלאץ מיט אלע מאדערנסטע באקוועמליכקייטען: — ליכטיגע, לופטיגע צימערען, מחיה'דיגע וואסער פון א ספרינג, א גרויסער סאסנאווער וואלד, בלומען, פרייוועט פלאץ צום באדען זיך, א פראכטפולער גארטען ארום הויז, פרעהליכער אומגעגענד, פרישע שפייז, וועדזשעטייבעלס פון אייגענעם גארטען, אייגענע מילך, קרים און עגגס.

לינדזער באס געהט פון בעי סטריט 6 מאל טעגליך ביז צום פלאץ. אין אין שטונדע זענט איהר ביי אונז.

פארברענגט וויק ענדס און פיקניקס אין בעסטען און אנגענעהמסטען פלאץ אין אנטאריא.

SPRING HILL HOUSE--Whitby, Ontario

Telephone WHITBY 549

In Toronto Chozen Baker Melrose 1920, Mr. Levenson.

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט

באזונדערע פלעצער פאר

- מילכיגס און פליישיגס -

די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם

עקזיסטירט זינט 1908.

275־273 ספעדיינע עוועניו.

טעלעפאן טריניטי 0444.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

דר. א. ווילינסקי און פרוי אפגעפארען אויף א טור איבער אייראפא

דער בארימטער טאראנטאר אידישער כירורג, הויפט פון דער כירורגישער אפטיילונג אין טאראנטאר וועסטערן האספיטאל, דר. א. דזש. ווילינסקי, פון 120 מעדיסאן עוועניו, איז מיט זיין פרוי אפגעפאהרען מיט דער שיף מאנטקלעיר קיין האמבורג. פון דארט וועלען זיי זיך ארויסלאזען אויף א לענגערען מאטאר טור איבער אייראפא.

דר. און מרס. ווילינסקי ווילען באזוכען פארשידענע מעדיצינישע צענטערען אין דייטשלאנד, עסטרייך, בעלגיען און פראנקרייך. דר. ווילינסקי וועט אויך זיין אנוועזענד ביי דער קאנפערענץ פון דער ראדיאלאגישער געזעלשאפט אין אמעריקע, וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אין פאריז.

זיינע פיעלע פריינט פון טאראנטאר מעדיצינישע און אידישע געזעלשאפטליכע קרייזען ווינשען איהם א גליקליכע רייזע, דערווארטענדיג, אז צוריקקומענדיג זאל ער מיט פרישער ענערגיע פארזעצען זיין ארבייט פאר'ן וואוילזיין פון די ברייטע טאראנטאר קרייזען, וועלכע האבען גענאסען פון זיינע קענטנישען און פיאינקייטען.

אין זיין אפוועזענהייט וועט זיין ברודער, דר. בערנארד ווילינסקי, איהם פארטרעטען. דר. בערנארד ווילינסקי, וועלכער האט שטודירט און פארענדיגט טאראנטאר אוניווערזיטעט מיט א גאלדענעם מעדאל, האט זיך נאר וואס אומגעקערט פון זיין דריי יאריגען שטודירען אין אייראפא, וואו ער האט געקראגען דעם טיטול "פעלאו פון דעם ראיאל קאלעדזש אף סוירדזשענס", דער העכסטער טיטול אין דער וועלט פאר דאקטוירים־כירורגים.

חושבער גאסט פון וויניפעג אין טאראנטא

אין טאראנטא געפינט זיך יעצט א וויכטיגער געזעלשאפטליכער טוער פון וויניפעג, מר. אסאפסקי, דער פארוואלטער פון וויניפעגער אידישען בית יתומים, א אינסטיטוציע מיט וועלכער דאס גאנצע קאנאדער מערב אידענטום איז שטאלץ.

די דאזיגע מוסטערהאפטע אינסטיטוציע האט זעהר פיעל צו פארדאנקען דער ענערגיע, ערנסט און פיאינקייט פון מר. אסאפסקי, פאר דער ליב וואס ווערט איהר צוגעטיילט פון אייגענע און פרעמדע. די ערנסטע באציהונג פון מר. אסאפסקי צו זיין אמט זעהט זיך אויך ארויס אין זיין וויזיט קיין טאראנטא.

מר. אסאפסקי איז געקומען קיין טאראנטא אויפצונעמען א זומער קורס אין היגען אוניווערזיטעט אין סאשעל סייענס, וועלכער זאל איהם ארויסהעלפען אין זיין אמט אלס פארוואלטער פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע.

מר. אסאפסקי איז אויך א טיכטיגער טוער אין פיעלע אידישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אין וויניפעג, ווי די פאלקס שולע א. א.

אונז האט ער געבראכט א גרוס פון דעם אידישען לעבען אין דער וועסט, מיט וועלכען ער איז זעהר גוט באקאנט.

ראד פון טראק צוברעכט פוס אין צוויי פלעצער

א ראד פון א שווערען דעליווערי טראק איז אריבער איבער'ן לינקען פוס פון סעם קעלער, פון 411 קאנקארן עוו., נאכדעם ווי דער טראק האט איהם אומגעווארפען, און איהם איבערגעבראכען דעם פוס אין צוויי פלעצער אונטער'ן קני.

ער געפינט זיך יעצט אין וועסטערן האספיטאל.

יונגע גנבים ארעסטירט פאר באגנב'ענען שווימער

כדי אפצושטעלען די קליינע גנבות פון קליידער און אנדערע ארטיקלען פון די קליידער קעשענעס, וועלכע ווערען איבערגעלאזט אויפ'ן ברעג, ווען זייערע אינהאבער לאזען זיך אין וואסער אריין צו כאפען א שווים, האט די פאליציי אנגעהויבען א קאמפיין צו ארעסטירען די אלע שולדיגע אין אזעלכע פארברעכענס.

נעכטען זענען דריי אינגלאך ארעסטירט געווארען אין סימקא פארק אויף פייפ עוועניו פאר אזעלכע גנבות.

איינעם פון זיי האט די פאליציי געכאפט צווישען ביימלאך מיט א האנט זייגער וואס האט באלאנגט צו אימיצען אנדערש.

דירעקטארען מיטינג פון מאונט סיני האספיטאל צו באשליסען וועגען נייעם פליגעל

די באארד פון דירעקטארען פון דעם מאונט סיני האספיטאל רופט א ספעציעלען מיטינג פון די דירעקטארען פון דער אינסטיטוציע פאר קומענדען מאנטאג דעם 20־טען יולי, כדי צו באטראכטען די אפשאץ, וואס זיי האבען געקראגען אויף די זיבען הייזער אויף סקאלארד סטריט, הינטער דער יעצטיגער האספיטאל געביידע.

עס ווערט געפלאנט אראפצורייסען די הייזער און אויפ'ן פלאץ אויסבויען א מאדערנעם פליגעל צום מאונט סיני האספיטאל. די דירעקטארען האלטען, אז דאס איז די איינציגע וועג, ווי צו פארגרעסערען די יעצטיגע געביידע פון האספיטאל און שאפען ביסלאכווייז א נייעם מאדערנעם האספיטאל, ווי עס פאסט פאר דער אידישער טאראנטא.

ווייניגער הויז ארבייט אין דער הויז!

STANDARD ELECTRIC HOME

— עס איז יעצט געווייערט צום „רעד סיל סטאנדארד"

א גליקליכע וואונדערבארע הויז איז עס — וואו די נודנע ארבייט פון טעגליכען ראמען איז אומבאקאנט. נישטא קיין הויז ארבייט מאטערניש, וואס זאל אויפרעגען די שטימונג ביי דער יונגער פרוי — אדער אויסקריצען קנייטשען אויף איהר פרישען יונגען פנים.

דעם סוד איז ניט שווער אויסצוגעפינען. איהר דארפט — ווי די יונגע בעל הבית'טע האט געפלאנט — עלעקטריק צו אוועקמאכען מיט דער נודנעקייט פון רייניגען, קאכען, וואשען, פרעסען. איהר דארפט עלעקטריק ביי אייער עלענבויגען צוליעב די אלע באקוועמליכקייטען וואס עס קען אייך ברענגען.

יעצט איז די צייט צו פלאנעווען די באקוועמליכקייט און פארגעניגענס פון אייער היים. עס איז וויכטיג, אז אין אייער הויז אדער אפארטמענט זאלט איהר האבען באקוועמע אויטלעטס, וואו איהר זאלט זיי באדארפען. עס איז אויך וויכטיג, אז איהר זאלט האבען שווערען ווייערינג, ווייל עס גיט אייך די מעגליכקייט צו נוצען אן עלעקטריק רענדזש, עלעקטריק פרעס אדער אן עלעקטריק וואסער ווארעמער. זאל אייער עלעקטרישען אויך העלפען אין אויספלאנען מאדערנע עלעקטרישע ווייערינג פאר אייער היים.

די עלעקטריק סערוויס ליג, 302 עקסעלסיאר לייף בילדינג (טעלעפאן עלגין 4937) וועט מיט פארגעניגען אייך געבען פולע אינפארמאציע וועגען איבערווייערען אייער הויז צום "רויטען זיגעל" סטאנדארד.

TORONTO HYDRO ELECTRIC SYSTEM

225 יאנג סטריט — טאראנטא

קויפט גודס געמאכט אין קענעדע — גיט מעהר מענשען ארבייט — ברענגט בעסערע צייטען

איר וועט איינשטימען אז סאלאדא ארענדזש פעקא איז די פיינסטע

"SALADA" TEA

ORANGE PEKOE BLEND

"פריש פון די גערטנער"

קול קורא לאוהבי תורה!

ווער איז ניט באוואוסט דער מקור התורה פון מוסר און מידות טובות, נאווארעדאק, וואס איז ביז דער וועלט מלחמה אנגעפיהרט געווארען פון באקאנטען גאון וצדיק ר' יוזל זצ"ל. ווער האט ניט געהערט וועגען דעם מסירת נפש מיט וועלכען די תלמידים און ממלאי מקום פון דעם צדיק האבען מפיץ תורה געווען אין רוסלאנד.

הש"ית האט געהאלפען און פיעלע פון זיי זיינען ניצול געווארען דעם גיהנום פון די רדיפות און תפיסות אין רוסלאנד. ר' יוזל'ס זצ"ל איידעם, הר"הג ר' אברהם יפהן, האט נאך זיין קומען פון רוסלאנד, געגרינדעט פיעלע ישיבות איפארשיעדענע שטעדט אין פוילען. די גולת הכותרת פון זיי איז דער מרכז התורה אין ביאליסטאק, אנגעפיהרט פון ר' אברהם נ"י אליין.

דער ר"י לעבט איצט איבער יסורים נוראים ניט נאר ווייל ער אליין האט ניט קיין מזון סעודה אחת, נאר נאך מעהר צוזעהענדיג די ליידען פון די לומדי תורה ארום איהם.

אידען, בואו לעזרת ד'!

ווער עס וויל מקיים זיין נפשות ישראל, וואס זיינען זיך מוסר נפש באהלה של תורה, זאל העלפען מיט וואס און וויפיעל ער קען.

שיקט צו אייערע ביישטייערונגען דירעקט צום ראש ישיבה:

ראבין א. יפהן (יאפען) אול. פיענקא, 13, ביאליסטאק, פוילען.

3 מאל חתונה געהאט און אלע מאל זענען „אלרייט"

באפאלא, נ. י., יולי 14.

מ. גודמאן, א 45 יאריגער פארבער, איז געבראכט געווארען אין געריכט אויף א קלאגע פון ביגאמיע. ער האט דערצעהלט וועגען דריי מאל וואס ער האט חתונה געהאט, און דאך זעהט ער ניט איין, אז עפעס זאל זיין ניט ווי עס באדארף צו זיין.

זיין ערשטע פרוי, דערצעהלט ער, האבען איהרע עלטערען אוועקגענומען פון איהם באלד נאך דער חופה, די צווייטע האט ער פארלאזען באלד נאך דער חתונה, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז זי איז פארהייראט צו אן אנדערען. און זיין דריטע חתונה, טענה'ט ער, איז שוין אל רייט, מיט איהר איז ער דאך געזעצליך פארהייראט, טענה'ט ער.

אין זעלבסטמארד ברענגט מיט זיך א צווייטען

פון בארקי (ביי ביאליסטאק) שרייבט מען:

דא האט זיך אויפגעהאנגען אויפ'ן בוידעם פון אלטען בית מדרש דער 20־יאהריגער ש. ביאן, א פיינער אנטוויקעלטער בחור, א לעהרער'ס א זוהן.

געפונען דעם זעלבסטמערדער האט דער שמש. אויף זיין געוואלד זענען אנגעלאפען עטליכע יונגעלייט, וועלכע האבען איהם אראפגענומען פון דער תליה. דער קערפער איז נאך געווען ווארים, אבער אפראטעווען האט מען איהם שוין ניט געקענט.

ווי מען גיט איבער, זאל די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד פון דעם יונגען בחור זיין אויך א זעלבסטמארד. פאריגע וואך האט אין דעם נאהענטען שטעטעל ביעלסק זיך גענומען דאס לעבען דער וואלסוחר בידער. האט ביאן זיך אזוי גענומען צום הארצען דעם דאזיגען אומגליק, אז ער האט באשלאסען נאכטאן דעם ביישפיעל פון ביעלסקער אידען, וועלכער איז געפאלען א קרבן פון שווערען קריזיס.

דער זעלבסטמארדער האט געמאכט אין שטעטעל א דריקענדען איינדרוק.

פיינטינג פייפער העננינג

מיר מאכען אייערע אלטע הייזער אויסקוקען ווי נייע. — רופט אונז בעפאר איהר פייפערט אדער פיינט טעלעפאנירט גלייך טריניטי W 7304

ניו יארק דעקארייטארס

אסטראוויצער שוהל הערט חזן יאסעלע שליסקי

אין אן אינטימען קרייז פון פערזענליכע איבערגעגעבענע פריינט איז חזן רב יאסעלע שליסקי וועלכער איז געווען דער גאסט פון טאראנטא לעצטען שבת געעהרט געווארען מיט א באנקעט.

ווי באקאנט, האט חזן שליסקי, וועלכער איז געליעבט און געאכטעט אין טאראנטא, געדאווענט שבת מברכים אין דער אסטראוויצער שוהל וואו ער האט איינפאך באגייסטערט דעם גרויסען עולם אידען מיט זיין וואונדערבארען דאווענען.

מאנטאג אוונט האבען זיך אויפגענומען זיינע אינטימע פריינט צו אן אינטימען באנקעט אין הויז פון מר. יצחק גאטליעב אויף יוראן סטריט. דארטען האט זיך ארויסגעוויזען די גרויסע צוגעבונדענקייט וועלכע עקזיסטירט צווישען די אסטראוויצער לאנדסלייט און דעם חזן.

געבענדיג אן איבערבליק וועגען דער גוואלטיגער אחדות צווישען די אסטראוויצער וועלכע האט דערמעגליכט דעם אויפבוי פון דער שעהנער אסטראוויצער שוהל אויף סיסעל סטריט האט מר. דוד זוסמאן דער טאוסט מאסטער פון אוונט דערצעהלט ווי אזוי חזן שליסקי האט ניט קוקענדיג אויף דעם וואס עס איז זיין וואקאציע צייט איבערגעלאזען אלעס און איז געקומען אין טאראנטא דאווענען אויפ'ן ערשטען רוף פון דער אסטראוויצער שוהל, ניט וויסענדיג אפילו צו ער וועט האבען וועלכע עס איז מאטעריעלע נוצען פון דעם.

מר. זוסמאן האט געדאנקט דעם חזן ברידערליך אין דעם נאמען פון שוהל און אלע אסטראוויצער לאנדסלייט אין טאראנטא, און האט פארגעשטעלט דעם פרעזידענט פון דער אסטראוויצער שוהל מר. ישראל וויינבערג.

מר. וויינבערג, האט געגעבען א לענגערען איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פון דער אסטראוויצער שוהל, וועלכע איז איבערגעבויט געווארען פון דער אסטראוויצער לאנדסמאנשאפט. א בנין וועלכען קיין לאנדסמאנשאפט אין פראפארציע צו דער אסטראוויצער האט ניט באוויזען אוועקצושטעלען. ער האט עס צוגעשריבען צו דער גרויסער אפרעוויליגקייט און אחדות פון די מיטגלידער.

אין דעם זעלבען זין האבען גערעדט מר. א. רובינשטיין, אברהם וויינריב, אברהם זכריה לינזען, משה גראסמאן, פסח שערמאן און א. בלייבערג.

דער לעצטער האט גערעדט וועגען דער איבערגעגעבענקייט פון חזן שליסקי צו טאראנטא, א שטאדט וועלכע ווערט פאררעכענט פאר דעם חזנ'ס היים־שטאדט.

חזן שליסקי'ס ענטפערס.

חזן שליסקי איז געווען טיעף גערוהרט פון דער הארציגקייט מיט וועלכער ער איז אויפגענומען פון די אסטראוויצער לאנדסלייט בפרט און פון אלע טאראנטאר אידען בכלל, זאגענדיג:

"ווען איך קום אין טאראנטא איז עס מיט'ן צוועק זיך אנצוזאפען מיט אינספיראציע. איך פיהל די ווארימע הערצער וועלכע קלאפען פאר מיר אין טאראנטא, אין דער שטאדט וואו איך בין דערצויגען געווארען, וואו איך האב געשטעלט די ערשטע טריט אין עפענטליכען לעבען וואו מיין מוזיקאלישע אנטוויקלונג איז פארגעקומען".

חזן שליסקי האט ספעציעל געדאנקט מר. און מרס. דוד זוסמאן, וועמענס גאסט ער איז געווען אין דער צייט ווען ער איז געווען אין טאראנטא.

חזן שליסקי איז אויך באגריסט געווארען פון ש. מ. שאפירא, רעדאקטאר פון "דער אידישער זשורנאל", מרס. א רובינשטיין פון דער אסטראוויצער לאדיס אוקזילערי, אוירווינג לעווין און אנדערע.

מר. לוסטיג האט דעם עולם זעהר משמח געווען מיט זיין פידעל שפילען, מיט פיאנא באגלייטונג פון זיין זוהן.

דער עולם האט זיך אויף א גרויסארטיגען אופן אמוזירט ביז א שפעטער שטונדע אין דער נאכט.

פארמער דעפוטאטען אין קאמפיין פאר ארבעטער קאנדידאט

אטאווא, יולי 15.

פינף מיטגלידער פון פארלאמענט וועלען זיך באטייליגען אין דעם קאמפיין פאר האמפרי מיטשעל, וועלכער לויפט אין האמילטאנער ביי־עלעקשאנס אלס אן ארבייטער קאנדידאט.

אויסער די דריי לייבאר דעפוטאטען, וואודסווארט, היפס און מעקאיניס, נעהמען אין דעם קאמפיין, א טיכטיגען אנטייל די צוויי פראגרעסיווע (יונייטעד פארמערס) דעפוטאטען, מיס אגנעס מעקפייל און א. דזש. גארלאנד.

די גרופע שטרענגט זיך אן צו געווינען די עלעקשאנס אין דעם געגענט, וועלכער איז באוואוינט פון ארבייטער און מיטעל קלאס מענשען.

זאלען אלע וויסען!

מאכט ניט קיין סוד פון
דעם וואס איר האט
צו פארקויפען

אדווערטייזעט אין אי־
דישען „זשורנאל" די
איינציגע אידישע טעג־
ליכע צייטונג אין
אנטאריא

מיר האבען קאסטאמער פאר אייך.:

די טויזענטער לעזער פון
„זשורנאל" אין טאראנ־
טא און אלע קלענערע
און גרעסערע ישובים אין
אנטאריא קענען זיין
אייערע קונים —

ווען איר

אדווערטייזט

אין

אידישען „זשורנאל"

אונזער אדרעס:

542 דאנדעס וועסט

אונזערע טעלעפאנס:

טריניטי 6830-6831

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST - Telephones: TRinity 6830-6831
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.

„ווייצמאניזם" אָן ווייצמאנ'ען

דער ניי־דערוויילטער פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז נחום סאקאלאוו.

צופיעל אי זנחום סאקאלאוו באקאנט אין דער ציוניסטישער וועלט און דער אלגעמיינער אידישער וועלט, עס זאל נויטיג זיין אן אפשאצונג וועגען איהם אלס ציוניסטישער פירער. וואס עס איז יא נויטיג אפצושאצען איז, וואס האט דער קאנגרעס געטאן, אדער געמיינט צו טאן, מיט סאקאלאוו'ס דערוויילונג ?

עס איז גאנץ קלאר, אז די גאנצע קריטיק ביים קאנגרעס איז געווען געריכטעט געגען דער ווייצמאן פאליסי אין דער פירערשאפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און ניט געגען דער ווייצמאן פערזאן. די ווייצמאן פאליסי, אין באצוג צו די פארהאנדלונגען מיט ענגלאנד און די פאדערונגען צו ענגלאנד איז געווען די פאליסי, וועלכע איז אפילו באצייכענט געווארען מיט'ן ווארט "ווייצמאניזם".

די איינציגע ביים קאנגרעס, וועלכע האבען איינגעשטימט מיט דער ווייצמאן פאליסי איז געווען די ארבייטער דעלעגאציע. די מזרחי, די רעוויזיאניסטען און א גרויסער טייל פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע זענען ארויסגעטראטען געגען. דאס האט געמיינט, אז וועגען דער ווייצמאן פירערשאפט, דאס הייסט, אז ווייצמאן זאל ווידער דערוויילט ווערען אלס פירער, האט קיין רייד ניט געקענט זיין.

וואס־זשע טוט דער קאנגרעס, ווי אזוי רעאגירט ער אויף דעם? דער קאנגרעס דערוויילט נחום סאקאלאוו'ן מיט 118 שטימען געגען 48 אויף ווייצמאנ'ס פלאץ. וואס־זשע מיינט עס ?

נחום סאקאלאוו איז געווען דער פארזיצענדער פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אויב עס איז דא אזא זאך ווי "ווייצמאניזם", אדער א ווייצמאן פאליסי אין ציוניזם, איז סאקאלאוו פאר דעם פונקט אזוי פאראנטווארטליך ווי ווייצמאן.

האט דאך דער קאנגרעס, איידער סאקאלאוו איז דערוויילט געווארען, אנגענומען א רעזאלוציע צוריקווייזענדיג דעם מעקדאנאלד בריעף אלס באזיס פאר קאאפעראציע מיט דער ענגלישער רעגיערונג לויט'ן ווייצמאן נוסח, פאר וועלכען נוסח סאקאלאוו איז געווען פונקט אזוי פיעל פאראנטווארטליך ווי ווייצמאן.

אננעמענדיג די צווייטע רעזאלוציע, אז דער מעקדאנאלד בריעף איז א באזיס פאר ווייטערע פארהאנדלונגען צווישען דער אידישער אגענטור און דער מאנדאטען מאכט, איז עס דאך ניט מער ווי א שטיקעל הנחה, ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע אנטזאגט זיך דאך ניט פון דער אידישער אגענטור, און ווען די אגענטור האנדעלט און וועט האנדלען מיט ענגלאנד מיינט עס דאך פאקטיש די ציוניסטישע ארגאניזאציע מיט דער מיטהילף פון "אפיציעלע" ניט־ציוניסטען.

וואס־זשע האט דער קאנגרעס געטאן, און וואס איז געמיינט געווארען צו טאן?

די דעלעגאטען ביים קאנגרעס האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז סאקאלאוו איז ניט מער דער יונגער ענטוזיאסטישער ציוניסט. אז ער האט ניט די פיזישע קראפט איבערצונעמען די פירערשאפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איבערהויפט אין דער יעצטיגער קריטישער צייט פאר'ן ציוניזם.

יעצט פאדערט זיך געוואלטיג גרויסע ענערגיע צו פירען די ציוניסטישע ארגאניזאציע. און צום באדויערען מוז מען זאגען, אז נחום סאקאלאוו מיט אלע זיינע גאונישע מעלות און גרויסע פעהיגקייטען, קען ער עס יעצט אויף זיינע עלטערע יארען ניט באווייזען.

די דעלעגאטען האבען דאס געוואוסט. דער איינציגער לאגישער ענטפער צו דעם, וואס דער קאנגרעס האט געטאן איז : —

עס איז ניט געווען קיין אנדערער.

עס איז ניט געווען ווער עס זאל פארנעמען ווייצמאנ'ס ארט.

די פארביטערונג פון אידישען פאלק געגען דער ענגלישער רעגיערונג זייט 1929, פאר דער שאו קאמיסיע, פאר דעם סימפסאן באריכט און פאר'ן פאספיעלד "ווייסען פאפיר", האט זיך אויסגעדריקט אין דער ביטערער קריטיק געגען ווייצמאנ'ען, פונקט ווי ווייצמאן וואלט אין זיך פארקערפערט די ענגלישע רעגיערונג, אדער ער וואלט געגעבען זיין הסכמה צו אלעם דעם, וואס די ענגלישע רעגיערונג האט געטאן.

לאגיש אדער ניט, אזוי איז די לאגע כמעט ווי אוועקגעשטעלט געווארען, און אזוי איז זי געשאפען געווארען. מען האט כמעט ווייצמאנ'ען אין אלעם באשולדיגט. אויב מען האט עס ניט געזאגט איהם פערזענליך, איז דער צארן אויסגעגאסען געווארען אויף זיין פאליסי.

אבער ניט אכטענדיג אויף דעם, איז דאך ניט געווען וועמען צו דערוויילען אויף זיין פלאץ, ווייל, ווי דער קאנגרעס זאל ניט האנדלען, האבען די דעלעגאטען גוט געהאט אין זינען, אז מען וועט אויף ווייטער מוזען האנדלען מיט ענגלאנד, דאס הייסט, מיט דער ענגלישער רעגיערונג, און מיט'ן קאלאניאלען אפיס און די ציוניסטישע ארגאניזאציע מוז האבען א פירער, וועלכער זאל האבען אן איינפלוס אין די דאזיגע קרייזען.

ווער האט געקענט זיין דער מענש ?

דער איינציגער לאגישער מענש, וועלכער האט געקענט, און קען פירען פארהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגיערונג, איז געווען פנחס רוטענבערג. ער איז א געאכטעטער מענש אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און האט אן אפענעם צוטריט אין ענגלישע רעגיערונגס קרייזען. ער האט זיך אבער פון דער פירערשאפט אנטזאגט.

וועגען דער מעגליכקייט, אז זשאבאטינסקי זאל איבערנעמען די פירערשאפט האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל דער הויפט צוועק, דאס פארהאנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג איז פאר זשאבאטינסקי'ן און זיין פאליסי, געווען אויסגעשלאסען.

איז געבליבען, אז די פירערשאפט מוז פארבלייבען אין די ראמען פון דער ביז־יעצטיגער אלוועלטליכער ציוניסטישער לייטונג. און וועמען האט מען געקענט אויסקלייבען אויב ניט ווייצמאנ'ס "רעכטע האנט", אדער דער, וועלכער האט געארבייט צוזאמען מיט ווייצמאנ'ען די גאנצע צייט — נחום סאקאלאוו.

אזוי האט זיך געשאפען א "ווייצמאניזם" אהן ווייצמאנ'ען. א ווייצמאן פאליסי אהן דער פירערשאפט פון דעם, וועמענס פאליסי עס איז אנגענומען געווארען.

אין סאקאלאוו'ס דערוויילונג האבען אויך די רעוויזיאניסטען געזעהן אן אויסוועג צו זייער צארן געגען ווייצמאנ'ען. זיי האבען באקומען א געלעגענהייט צו שטימען פאר אימיצען, אבי ניט דעם, געגען וועמענס פאליסי זיי זענען אזוי שארף ארויסגעטראטען. די רעוויזיאניסטען האבען אבער גאנץ גוט געוואוסט, אז סאקאלאוו, דאס איז דאך ווייצמאן. זיי האט זיך אבער געלוינט די שפיל. לפנים איז עס דאך ניט ווייצמאן.

די ארבייטער דעלעגאציע האט זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען, ווייל זי האט ניט געדארפט שטימען. זי האט געווארט אויף דער עקזעקוטיווע, און אז די רעוויזיאניסטען האבען שוין געשטימט פאר סאקאלאוו'ן איז זי זיכער געווען, אז סאקאלאוו איז דערוויילט.

מיט איין ווארט: די ציוניסטישע לייטונג איז דורכ'ן קאנגרעס ניט געענדערט געווארען.

די שטאדט בערלין

(רייזע איינדרוקען)

— פון —
י. ל. וואהלמאן

שעהן איז בערלין. די גאסען זיינען זויבער און ציכטיג פונקט ווי עס איז געווען אין די גליקליכע "אמאליגע" יאהרען. די בוימער פון די אלעען און פון די טראטוארען האבען זיך זאגאר נאך מעהר צובליהט ווי דעמאלט. זיי, די נארישע בוימער ווילען ניט וויסען פון פאליטישע חשבונות און עס ארט זיי אפילו ניט דאס וואס אין א גרויסער טייל באשאטענט פרעמד־געווארענע הייזער...

פאר גראשענע גראשענס האט בערלין איהרע הייזער צו די פרעמדע פארקויפט. מען האט איינפאך געמוזט דעם טויט־הונגער שטילען. מען האט די הייזער פארקויפט כדי צו קענען ברויט פאר די קינדער איינשאפען, און איצט דרעהט מען זיך ארום ביי זיך אין שטוב ווי אויף א פרעמדער חתונה...

געווען שוין טעג ווען מען האט געהאט אויף אלץ א שפיי געטאן, און מיט'ן עכט דייטשען פלייס האט מען זיך ווידער צו דער ארבייט גענומען.

מיט דעם פלייס און שוויס האט מען געוואלט אפוואשען די בלוטיגע וואונדען פון דעם פאלקס אומגליק. מען האט געהאפט דאס די אנגעשטרענגטע איבערמענשליכע ארבייט וועט צוריק געבען דאס, וואס מען האט פארלוירען דורך'ן אומגליקליך פארשפיעלטען קריעג. נאר געה און ארבייט. דאמאלט ווען די זיעגער האבען דיר פאראויס די הענט ארונטערגעדרעהט אויף הינטען. וואס א שטייגער קענען דיר דאן העלפען דיינע איבערמענשליכע אנשטרענגונגען דאמאלט ווען דער שונא קוקט דיר אויף יעדער באוועגונג מיט זיבען אויגען. און דיין שווער מיט שוויס פארהארעוועטען מארק ווארפט ער אויף דער וועלט־בערזע און טרייסעלט מיט איהם ווי מיט אן אויסגעטריקענטען לולב...

* * *

שעהן און מאיעסטעטיש אטעמט נאך בערלין מיט איהר ברייט־ברוסטיגען "קורפירסטענדאם". און קומט דער אווענט ווערט דער קורפירסטענדאם אילומינירט מיט טויזענדער, טויזענדער עלעקטרישע לאמפען. די האנדעלס פירמעס פוצען זיך אויס אין גרינער און אין רויטער רעקלאמע־ליכט, און פונקט ווי די טויט־פארעלטערטע זונות שרייען זיי און רופען צו די דורכגעהער. א ביסעל אהן א זייט שטעהט ווי א וויסטע אלמנה די 'אונטער די לינדען" מיט איהרע וואכעדיג געווארענע הייליגקייטען, די פאלאצען פון קייזער ווילהעלם און זיינע פרינצען.. יענע נעבאך מאכען שוין נאך דעם איינדרוק ווי עלענדע און נידערגעשלאגענע יתומים־לעך.

עלענד זעהט אויך אויס די זיגעס־אלעע פונ'ם טיער־גארטען. די אלטע זיעגרייכע קורפירסטען האבען יאהרענלאנג געהעמערט און געשמידט דייטשלאנדס פראכט און גרויסקייט, איז געקומען דער נאריש גאוה'דיגער ווילהעלם און האט מיט זיין קורציכטיגער פאליטיק א גאנצע וועלט זיך פאר שונאים אויסגעשטעלט. שטעהען זיי איצטער אין דער זיגעס־אלעע די אויסגעשניצטע מארמארנע סטאטוען פון די אלטע קורפירסטען אויף זייערע פיעדעסטאלען, און זיי שמייכלען פארלעגען : א שעהנעם תכלית האט מען געמאכט פון זייערע גרויסע זיעגען", בערלין האט איהרע הייזער צו די פרעמדע פאר ברויט פארקויפט...

מיינע פריינד־באגלייטער פיהרען מיר צו צום דענקמאל פאר די נעפאלענע קריעגס סאלדאטען. עס שטעהען דארט טעגליכע אלטע גרויז־גרויע פרויען און זייערע אויגען פליסען טרעהרען נעבען די צוויי "נר תמיד'ס" וואס מען האט דא אוועקגעשטעלט.

יא, אויב אלע אנדערע פעלקער האבען בלויז איין "נר תמיד" אנגעצונדען אויפ'ן קבר פון זייער אומבאקאנטען סאלדאט, האבען די דייטשען אנגעצונדען צוויי ליכט, ווארום זייער בראך און זייער אומגליק איז דאס גרעסטע אין דער וועלט...

אלס די גרעסטע צרה האלט מען אין בערלין דאס, וואס מען האט לגמרי שוין פארלוירען די רוהיגקייט מיט'ן גליקליכן געוויכט. מען האט קיין געדולד מעהר צום ארבייטען, און פון יעדער געשעפטס אונטערנעהמונג ציהט מען זיך ווי וויט מעגליך צוריק. דער "היינט" איז ניט זיכער און נאך מעהר איז צווייפעלהאפט דער "מארגען". און דא שטעהען די ביידע געשפענסטער, דער רויטער קאמוניזם מיט'ן שווארצען היטלעריזם און זיי שפרייטען אויס זייערע פליגעל צו דער פארהונגערטער און אויסגעמאטערטער מאסע, צוזאגענדיג צו געבען שוין מארגען א שטיקעל ברויט. לויפט נעבאך די מאסע אין גרוים פארצווייפלונג פון דעם שווארצען צום רויטען געשפענסט און צוריק. זיין שלינגען די סלינע אין דער פארטרוקענטער קעהל, ניט וויסענדיג וועלכער לאנגער קאן באמת א שטיקעל ברויט דערלאנגען...

און שטעהט אויף אין דער פריה דער בער־בעמיטעלטער בערלינער בירגער, כאפט ער מיט ציטערדיגע הענט די צייטונג און זוכט צו איז ניט אמאל שוין עפעס געשעהן ? צו האט ניט אמאהל איינער פון די "צוויי עקסטרעמען" שוין די ממשלה אין זיינע הענט פארכאפט.

יעדער ווייסט און שפירט דאס מען געפינט זיך ווי אויף א ווולקאן, און דאס יעדע שטונדע קאן ברענגען נייעס...

מען זוכט אויך אין די צייטונגען צו עס זעהט זיך ניט אמאל עפעס א הילף פון דרויסען.

אין דער פריהערדיגער צייט האט מען געפלענט טראכטען וועגען "וועלט'ס יושר". די וועלט האט מען זיך איינגערעדט, וועט דאך ניט לאזען גלאט אזוי צום גרונטגעהן א פאלק פון זיבעציג מיליאן מענשען. און אז מען האט שפעטער דערזעהן דאס "די וועלט" געהט זיך גאנץ רוהיג פארביי ארום דעם עלענד און פיין פון די זיבעציג מיליאן מענשען, האט מען אויף דער וואגשאל צוגעווארפען נאך א מאטיוו : דייטשלאנדס חורבן וועט נאכשלעפען מיט זיך א חורבן פון אנדערע לענדער. צו אזא מדרגה איז דאס אמאליגע מעכטיגע דייטשלאנד איצטער געקומען דער לעצטער רעטונגס־ברעט זאל דערלאנגט ווערען נאר בלויז צוליעב דער מורא אז טאמער וועלען אויך אנדערע מוזען ליידען...

— וועה צו די בעזיעגטע !...

די אויגען זיינען איצטער געווענדעט צום גרעסטען אמאליגען שונא, צו אמעריקא. פרעזידענט הואווער — זאגט מען ארבייט אויס א הילפס־פלאן פאר דייטשלאנד. קיינער אויסער אמעריקא קאן זיי ניט העלפען.

אמעריקא וואס האט אמאל ענטשיידעט אין קריעג, און האט פון שטאלצע זיעגער זיי געמאכט פאר בעזיעגטע — נאר זיי קענען איצטער העלפען. יענע אמעריקא וואס האט מיט דער האנד פון פרעזידענט ווילסאן אנגעשריבען דעם אקט פון זייער חורבן זאל איצטער ווידער מיט דער האנד פון פרעזידענט הואווער אנשרייבען פאר זיי דעם אקט פון א ארחמנות'דיגער הילף.

— אז וועה און ווינד צו די בעזיעגטע....

* * *

ווי זעהט אויס ביי דער דאזיגער לאגע דאס אידישע בערלין?

דאס אידישע בערלין איז. נעבאך נידערגעשלאגען פון אלע זייטען. קיין פרנסה איז ניטא. און מען ווערט פון יעדען טאג אלץ ארעמער און ארעמער. דערצו נאך איז גרויס דער פחד ביי זיי. טאמער וועט חלילה היטלער זיגען איז ביטער ווי די גאל, און טאמער זאל די ממשלה אנקומען צו די קאמוניסטען איז די הענט אריין איז מען דאך גאר אומגליקליך...

ניט מעהר נאר וואס די אידען זענען א פאלק וואס איז "מלומד בנסים", גלויבט מען דאס אויך דא וועט נאך א נס געשעהן. פארלויפיג האנדעלט מען און מען וואנדעלט, און מען איז אויך עוסק אין אידישקייט.

די גרענאדיר־שטראסע און די דראגאנער שטראסע איז פול מיט העברעאישע און אידישע צעטלאך וועגען כשר און שטרענג כשר, און וועגען דעם "סופר" אדער דעם "שוחט", וועלכער איז דעם גאנצען טאג צו טרעפען....

שבת אין דער פריה זיינען די שוהלען פול מיט מתפללים ניט ערגער ווי אין ווארשא אדער קראקא. הונדערט יאהר נאך דער רעפארמאציע באוועגונג קומען נאך אלטע יעקישע אידען שבת אין דער בערלינער שוהל אריין, און זיי פאסמאנעווען זיך מיט זולצערס און לעוואנדראווסקים חזנישע זאכען.

דו קוקסט זיך צו און דו שטוינסט, זעהענדיג ווי אזוי עס איז אין בערלין ווידער שטארק דאס אלטע איינפאכע און טראדיציאנעלע אידישקייט.

אויך דאס נאציאנאלע אידישקייט איז ניט שלעכט פארטראטען אין בערלין. אויפ'ן סאמאראדנעם קורפירסטענדאם האט זיך אפרקליבען דער העברעאישער "בית עם", וועלכער מאכט דעם איינדרוק ווי א פיליע פון תל אביב, און דר. שמואל וויינבערג, דער פריוויליגער עסקן כשר'ט דארטען אויף העברעאיש דאס בערלין פון משה מענדעלסאן און הענריעטע הערץ. זאל נאר חלילה "די שיסעל בכלל זיך ניט איבערדרעהען" אין בערלין, ווי מיט דער צייט וואלט דא געווארען איינס פון די גרעסטע און בעסטע אידישע צענטרען...

קאנגרעס אנגענומען בודזשעט פון 1,350,000 דאל.;

ערשטע זיצונג פון דער אגענטור אין באזעל

בודזשעטען גוטגעהייסען פאר בילדונג, קאלאניזאציע, אימיגראציע א. א. וו. — אדלער דאנקט ווייצמאנען אין נאמען פון אגענטור. — אגענטור איינפארשטאנען מיט ווייצמאנס פאליטיק. — סאקאלאוו מאכט הזכרה נאך לואיס מארשאל, לארד מעלטשעט.

באזעל, יולי 14, (איטא).

אויף זיין פאר לעצטער זיצונג האט דער קאנגרעס גוט־געהייסען א בודזשעט, וועלכער דערווארט אן איינגאהמע פון קרן היסוד פון 1,350,000 דאלער. די הוצאות וואס זיינען גוט־געהייסען געווארען פון קאנגרעס שליסען איין אויף אפצאהלען חובות 455000 דאלאר, אדמיניסטראציע אויסגאבען 240,000 דאלאר, פאר בילדונג 285000 דאלער, קאלאניזאציע 350000 דאלער, אימיגראציע און ארבייטער 77,500 דאלאר, געזונטהייט 275000 דאלער, וואס שליסט איין פינף און צוואנציג טויזענט דאלאר פאר ארבייטער קראנקהייט פאנד, הינטערשטעליגע שכירות 75000 דאלער, רעליגיעזע צוועקען 5000 דאלאר און אונפאראויסגעזעהענע אויסגאבען 12,500 דאלער.

צום ערשטען מאל פיגורירט אויך אין בודזשעט א געוויסע סומע וואס זאל פארוועגדעט ווערען אלס סובסידיעס פאר קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען.

באזעל, יולי 15 (איטא)

נאך די שטורמישע סצענעס, וואס האבען זיך אפגעשפיעלט מיט איין שטונדע פריהער, ווען סאקאלאוו איז דערקלערט געווארען אלס אויסגעקליבענער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט זיך אין זעלבען זאל נאכמען אווענט געעפענט די זיצונג פון דעם ראט פון דער אידישער אגענטור.

סיירוס אדלער האט אפגעגעבען א באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער אידישער אגענטור פאר די פארגאנגענע צוויי יאהר און האט ארומגערעדט די פלענער פון דער אידישער אגענטור פאר דער צוקונפט.

ביים פרעזידיום טיש איז צוזאמען מיט אדלערן געזעסען דער נייער דערוועהלטער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, נחום סאקאלאוו, אויך ארסישקין און א צאהל אנדערע ציוניסטישע און ניט ציוניסטישע פיהרענדע פערזענליכקייטען. ווייצמאן איז ביי דער זיצונג ניט געווען אנוועזענד.

אין זיין רעדע האט אדלער דערקלעהרט, אז עס קומט איהם אויס צו זיין פארזיצער פון דער זיצונג, ווייל דער ערשטער פארזיצער פון אגענטור ראט, לואי מארשאל איז געשטארבען, און געשטארבען איז אויך לארד מעלטשעט, וועלכער איז מיט אדלערן אויסגעקליבען געווארען אלס געמיינשאפטליכע פארזיצער.

אין דער דערעפענונגס זיצונג זיינען אפגעהאלטען געווארען הספדים נאך די צוויי פארשטארבענע טעטיגע מיטגלידער פון דער אגענטור לואי מארשאל און לארד מעלטשעט.

באמערקענדיג וועגען ווייצמאנס אבוועזענהייט פון דעם מיטינג, פאר וועלכען ווייצמאן האט געדארפט אפגעבען א באריכט וועגען די פאליטישע אנטוויקלונגען פאר די לעצטע צוויי יאהר, האט אדלער געלויבט די טעטיגקייט פון דעם ציוניסטישען פיהרער און האט אין נאמען פון דער אידישער אגענטור אויסגעדריקט זיין "טיעפע דאנקבארקייט פאר זיינע צוויי יאהר פון איבערגעבענהייט, הויכער דיפלאמאטיע און דערגרייכונגען."

דר. אדלער האט קלאהר זיך אויסגעדריקט, אז אידישע אגענטור טיילט מיט ווייצמאנען די פאראנטווארטליכקייט פאר די רעזולטאטען פון די פארהאנדלונגען צווישען דער אידישער אגענטור און דער ענגלישער רעגיערונג, וועלכע זיינען אויסגעדריקט אין דעם מעקדאנאלד בריף. ער האט כאראקטעריזירט מעקדאנאלד'ס בריעף אלס "אן אויסערגעוועהנליך גנעדיגעם צוריקציהען מצד א גרויסען פאלק פון עפעס, וואס מיר האבען אלע באטראכט פאר אן ערנסטער עוולה".

רעדענדיג וועגען די אינוועניגסטע שוועריגקייטען צווישען די פארשיידענע גרופען, וואס ארבייטען פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל, האט אדלער אפעלירט פאר א "מאראטאריום צו אונזערע פארטייען פון אונזערע מיינונגס פארשיעדענהייטען און אקאדעמישע דיסקוסיעס', צוגעבענדיג, אז וואס מיר דארפען יעצט איז ניט צוטיילונג נאר קאאפעראציע".

נחום סאקאלאוו האט געהאלטען אן איינדרוקספולע רעדע, לויבענדיג דעם אנדענק פון מארשאל, לארד מעלטשעט און אנדערע מיטגליעדער פון דער אידישער אגענטור, וואס זיינען געשטארבען אין די לעצטע צוויי יאהר. ער האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף די קרבנות וואס זיינען געפאלען אין די ארץ ישראל פאגראמען.

דער אגענטור ראט האט געשלאסען זיין ערשטע זיצונג עלף א זייגער אין אווענט, ווען דער ציוניטישער קאנגרעס האט געעפענט זיין לעצטע זיצונג.

קאמוניסטישע פארזאמלונגען פארבאטען

וויניפעג, יולי 14.

דער ס־טי־קאנסיל פון וויניפעג האט היינט באשלאסען צו פארבאטען קאמוניסטישע פארזאמלונגען זאלען אפגעהאלטען, ווערען אויפ'ן מארקעט סקוועיר וועלכעס איז ארום דעם סיטי־האל.

הינטער די קוליסען

(פון פאלעסטינער טעאטער לעבען)
געזאמעלט דורך

א. צפורי (תל אביב)

אהן הענט !

"בר כוכבא" די ערשטע העברייאישע טרופע פון נאך דער מלחמה איז געקומען קיין ירושלים שטעלען די פיעסע "דער בער" פון טשעכאוו. דער שוישפילער תאומי האט געשפיעלט די ראל פון ליעבהאבער. ווי נאר ער האט אויסגעדריקט זיין ליעבע דורך ארומנעהמען זיין געליעבטע און געקושט זי, האט זיך דערהערט אן אויפרעגונג צווישען פובליקום און א קול האט אויסגעשריגען : גראביאן אהן הענט !...

וואו איז דאס קינד ?

נתן כספי איז דער ערשטער רעקוויזיטאר אין פאלעסטינע. אין דעם רעאליסטישען טעאטער (טאטרון העברי) פלעגט דער רעזשיסאר זיך נוהג זיין, אז ער פלעגט איבערגעבען צו כספי'ן א פולע רשימה פון אלץ וואס איז נויטיג צו דער פארשטעלונג און דער לעצטער האט שוין דאס צונעשטעלט.

אין איין פיעסע האט זיך געפאדערט א קינד, נאר דער רעזשיסאר דאווידאוו האט דאס פארגעסען צו פארצייכענען אין רעקוויזיט.

אין אווענט פון דער פארשטעלונג שרייט דאווידאוו :

— כספי, וואו איז דאס קינד ?

וויזט איהם כספי די רשימה, אז עס איז דארט אפילו קיין זכר פון קיין קינד ניטא.

דאווידאו : — איך וויל פון גארניט וויסען, באלד זאל מיר זיין א קינד !

כספי : — איך זאג זיך שוין אפ פון צו זיין רעקוויזיטאר. אין איין רגע קען איך ניט מאכען קיין קינד...

סטאטיסט

איידער עס איז געווען דאס פראפעסיאנעלע טעאטער אין לאנד, פלעגט מען שפילען טעאטער אזוי : דריי פיער אקטיארען פלעגען צווישען זיך איינטיילען די הויפט ראלען און צו זיך פלעגען זיי אין יעדער שטאדט אויסזוכען א פאר בחורים, אויסלערנען זיי די תורה על רגל אחת און פארטיק.

איינמאל איז אזא "טרופע" געקומען קיין ירושלים שפילען און זיי האבען באדארפט האבען נאך אן "אקטיאר". נאך גרויסע זוכעניש האבען זיי געפונען עפעס א רוסישען בחור וואס פלעגט אויסרעדען יעדען העבראישען ווארט פונקט ווי א רוסישער קאזאק. מען האט איהם אנגעזאגט, אז ער דארף זיין 'ראלע' שפילען און אפזאגען די עטליכע ווערטער דערמאלט ווען דער אקטיאר בן ימיני וועט זיך א כאפ טאן ביים לאץ פון זיין רעקעל.

דער בחור איז געשטאנען אויף דער ביהנע און אריינגעקוקט אין א ספר, ווי די ראל האט געפאדערט, אלע מאל האט ער געווארפען א בליק צו בן ימיני, און זעהענדיג, אז עס איז נאך אלץ ניט געקומען זיין צייט, האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז בן ימיני האט פארגעסען אין איהם, הויבט זיך דער בחור אויף פון זיין פלאץ פארנעהט זיך, און שרייט אויס אויף א קול :

הער בן ימיני, מען קאן שוין אנהויבען ? (ארון בן ימיני אפשר להתחיל ?)

דער עולם האט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער. בן ימיני האט זיך צוערשט דערשראקען און נאכדעם זיך אליין ניט געקענט איינהאלטען און אליין אויסגעפלאצט אין א געלעכטער.

קונסט טאטער

מיט אכט יאהר צוריק האט דער "תיאטרון עברי" געשטעלט אין זאל "עדן", די "פוסטע קרעטשמע" פון פרץ הירשביין.. דעמאלט איז געווען זעהר שווער צו קריגען דעם נויטיגען רעקוויזיט פאר דער פארשטעלונג. פאר דער פיעסע האט זיך געפאדערט אן אפגעהאקטער בוים אויף וועלכען עס זאל זיך קענען זעצען א פארעל. דער רעזשיסאר דאווידאוו האט איבערגעגעבען כספי'ן די רשימה פון רעקוויזיט און דערביי באמערקט, ער זאל אויפפאסען דער רעקוויזיט זאל האבען א פנים, ווייל דער טעאטער איז א קונסט־טעאטער.

כספי האט געדונגען 6 תימנישע אידען און זיי האבען געבראכט צושלעפען אן אפגעהאקטען אקאליפטוס בוים פון "מרכז מסחרי".

מיט גרויסער מיה און אנשטרענגונג איז נאר א העלפט פון דעם בוים ארויף אויף דער ביהנע. דאס האט דער רעזשיסאר דערהערט דאס קלאפעריי, געהט ער צו און צושרייט זיך אויף כספין.

— כספי, וואס טוסטו ? ביזטו פון זינען אראפ ?

כספי(צו דאווידאוו'ן), אין רוסיש: דאס האסטו דיר א רעאליסטישען טעאטער.

פארגעסען

דער "תיאטרון עברי" האט געשטעלט אין ירושלים דעם "אייביגען וואנדערער" פון הייערמאנס. דער אקטיאר לוצקי האט געשפיעלט די ראל פון א קאזאק וועלכער קלאפט אן אין הויז פון א אידען, דערמאלט ווען דער איד זיצט ביים טיש און איז עוסק בתורה. ער האט באדארפט קלאפען אונטער דער ביהנע אין טיר און שרייען : עפענט אידען !

האט אבער לוצקי פארגעסען, אז זיין רעפליקע דארף ער זאגען אונטער דער ביהנע, איז ער ארויף אויף דער ביהנע, צוגעגאנגען גלייך צום טיש וואו דער איד זיצט און גענומען שרייען : עפענט, אידען !

ערשט נאכדעם האט ער זיך געכאפט און ער איז גלייך אראפ פון דער ביהנע און דורכגעפיהרט די ראל ווי עס האט זיך געפאדערט.

דער עולם האט אבער גלייך געכאפט דעם טעות און אזוי ארום איז א גרויסע טראגעדיע פארוואנדעלט געווארען אין א לייכטער קאמעדיע.

בר כוכבא'ס שפרונג.

ביי דער פרעמיערע פון דער אפערעטע "בר כוכבא" האט דער רעזשיסאר ג. זיבעל געוואלט, אז דער הויפט העלד, בר כוכבא זאל שפרינגען דורך דער פעסטונג צום לאגער פון פיינט. און אזוי ווי דאס קאן נאר אן אקראבאט מאכען איז באשטימט געווארען, אז דאס זאל דורכגעפיהרט ווערען דורך ליכט עפעקט. דער העלד וועט זיך נאר א כאפ טאן צו דער פעסטונג. עס וועט גלייך ווינסטער ווערען און נאכדעם ווי עס וועט ליכטיג ווערען וועט ער שוין זיין צוריק אין זיין מחנה, אזוי ארום וועט בלייבען די אילוזיע, אז בר־כוכבא איז אריבערגעשפרונגען די פעסטונג.

אנדערש האט אבער געטראכט דער העלד מינדלין, ער האט דוקא געוואלט באווייזען דעם עולם, אז ער קאן מאכען אזא שפרונג. און ווען ער האט זיך שוין אנגעכאפט אין ברעטעל (וואס דארף פארשטאטלען די פעסטונג) האט ער אויסגעשריען צום ביהנע מייסטער אין רוסיש : גיט ליכט ! אבער ווי נאר עס איז געווארען ליכטיג אויף דער ביהנע האט זיך באוויזען אזא בילד : דער העלד בר כוכבא הענגט אויף דער וואנט און ניט אהער און ניט אהין, ער דראפעט זיך מיט די הענט און פיס, און האלט זיך אן מיט אלע זיינע כחות ער זאל ניט אראפפאלען פון הינטען, ווייל די דעקאראציעס זיינען געווען זעהר הויך עטליכע מינוט האט ער זיך אזוי געראנגעלט. דער עולם האט זיך געקייקעלט פון געלעכטער, און ער האט געשריען : לאזט ארונטער דעם פארהאנג !

דער פארהאנג האט זיך אראפגעלאזט און דא האט זיך דערהערט א שטארקער קלאפ אויף דער ביהנע. בר כוכבא איז אראפגעפאלען.

מיטינג פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט פון אידישער אגענטור געעפענט

ווארבורג רעזיגנירט אפיציעל אלס טשערמאן פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט און בעט מען זאל ניט ארויסשטעלען זיין קאנדידאטור פאר דעם אמט. — א. וואסערמאן, טשערמאן פון פינאנץ קאמיטע, וועט ניט אנטייל נעמען אין זיצונגען. — מיטינג געעפענט אונטער פארזיץ פון דר. סיירוס אדלער. — ווייצמאן, סענאטאר און היימאן גיבען אפ באריכט. — באריכט פון אגענטור עקזעקוטיווע רעקאמענדירט מען זאל אויסנוצען אלע מעגליכקייטען פאר שלום צווישען אידען און אראבער. — באריכט גיט איבער איינצעלהייטען פון עקזעקוטיווע'ס טעטיגקייט זינט אויגוסט 1929.

באזעל, יולי 13 (איטא). — דער פערטער און לעצטער מיטינג פון דעם איצטיגען אדמיניסטראטיווען קאמיטעט פון דער אידישער אגענטור האט זיך דא געעפענט אונטער פארמאכטע טירען. די זיצונגען וועלען געדויערען צוויי טעג און דינסטאג וועט זיך עפענען דער מיטינג פון דעם ראט פון דער אידישער אגענטור, וואס וועט ערוועהלען א נייעם אדמיניסטראטיווען קאמיטעט.

דער מיטינג האט זיך געעפענט אונטער דעם פארזיץ פון דר. סיירוס אדלער, "עקטינג־טשערמאן" פון דעם ראט פון דער אידישער אגענטור. ביי דער ערעפנונג זענען געווען 35 פון די 40 מיטגלידער פון דעם אדמיניסטראטיווען קאמיטעט און אויך מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אגענטור.

אסקאר וואסערמאן, פון דייטשלאנד טשערמאן פון דער פינאנץ־קאמיטע פון דער אידישער אגענטור, וועט ניט אנטייל נעמען אין די זיצונגען פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט און ניט אין די זיצונגען פון אגענטור־ראט, ווייל ער איז איצט זעהר פארנומען מיט פריוואטע געשעפט־אנגעלעגענהייטען.

אין א בריעף וואס ער האט צוגעשיקט צו דעם אדמיניסטראטיווען קאמיטעט, האט פעליקס ווארבורג, אפיציעל רעזיגנירט פון זיין אמט אלס טשערמאן פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט. כאטש מר. ווארבורג האט שוין רעזיגנירט פון דעם אמט לעצטען אקטאבער אלס פראטעסט געגען דעם "ווייסען פאפיר", האט איהם דער איצטיגער מיטינג געגעבען די געלעגענהייט צו רעזיגנירען אפיציעל.

אין זיין בריעף ווייזט מר. ווארבורג אן, אז צוליעב זיין געזונט־צושטאנד איז ער געצוואונגען צו בעטען מען זאל ניט ארויסשטעלען זיין קאנדידאטור פאר דעם אמט וואס ער האט ביז איצט פארנומען. מר. ווארבורג האט צוזאמען מיט דעם בריעף אויך צוגעשטעלט סטייטמענטס וועגען דעם אינערליכען צושטאנד פון דער אידישער אגענטור.

דר. חיים ווייצמאן, פרעזידענט פון דער אידישער אגענטור, האט ביי דעם מיטינג פארגעלייענט א קורצען באריכט וועגען דער פאליטישער לאגע און דר. ווערנער סענאטאר, טרעזשורער פון דער אידישער אגענטור, האט באריכטעט וועגען דער פינאנציעלער לאגע.

דזשאזעף ס. היימאן, דעפיוטי־מיטגליד פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט און סעקרעטאר פון דער צייטווייליגער קאמיטע וואס האט געהאנדעלט אין נאמען פון די אמעריקאנער מיטגלידער פון דער אידישער אגענטור זינט מר. ווארבורג'ס רעזיגנאציע, האט צוגעשטעלט א באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון די אמעריקאנער מיטגלידער.

דער אדמיניסטראטיווער קאמיטעט האט דאן ערוועהלט א בודזשעט־קאמיטע, א פינאנץ־קאמיטע און א פאליטישע קאמיטע, וועלכע וועלען היינט אנהויבען זייערע פארהאנדלונגען.

א חוץ די אויבענדערמאנטע דאקומענטען האט דער אדמיניסטראטיווער קאמיטעט פאר זיך געהאט דעם באריכט פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אגענטור, וואס וועט צוגעשטעלט ווערען צום מיטינג פון אגענטור־ראט נעקסטען דינסטאג.

אין דעם דאזיגען באריכט רעקאמענדירט די עקזעקוטיווע, צווישען אנדערע זאכען, אז אלע וועגען פון א פאראייניגונג צווישען אידען און אראבער אין פאלעסטינע זאלען אויסגעפארשט ווערען און אז עס זאל ניט פארנאכלעסיגט ווערען קיין שריט וואס קאן פיהרען צו אזא פאראייניגונג.

אין דער זעלבער צייט ווייזט די עקזעקוטיווע אן, אז אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר האבען די איצטיגע אראבישע פיהרער כסדר נאכגעפאלגט א פאליסי וואס פיהרט צו דער אנהאלטונג פון אזא לאגע, וואס איז א כסדר'דיגע געפאהר צו דער עפענטליכער זיכערקייט און וואס איז א שטערונג צו סאציאלער, עקאנאמישער און פאליטישער קאאפעראציע.

פון אקטאבער 1929 ביז סעפטעמבער 1930 האט די אידישע אגענטור אויסגעגעבען איבער צוויי מיליאן דאלאר

דער באריכט, וועלכער אנטהאלט 250 זייטען, גיט איבער איינצעלהייטען וועגען דער טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע זינט אויגוסט 1929. עס ווערט אנגעוויזען, אז זינט אקטאבער 1929 ביז סעפטעמבער 1930 האבען די אלגעמיינע אויסגאבען פון דער אידישער אגענטור באטראפען 2,017,891 דאלאר. די דאזיגע סומע שטעלט מיט זיך פאר א סך־הכל, וואס איז מיט 295,067 דאלאר מעהר ווי די איינקונפט פאר דעם זעלבען יאהר און מיט 266,167 דאלאר מעהר ווי די איינקונפט פון אנדערע יאהרען.

אין דעם זעלבען יאהר איז די הכנסה, וואס די אידישע אגענטור האט געקראגען פון פארשידענע קוואלען, געווען: — 1,456,452 און איהר בודזשעט פאר דעם קרן היסוד איז געווען 1,742,000 דאלאר. דער קרן היסוד איז געווען דער גרעסטער קוואל פון דער אגענטור'ס הכנסה און ער האט בייגעשטייערט צו דער אגענטור'ס בודזשעט 1,211,225 דאלאר.

דער סך־הכל פון דעם קרן היסוד'ס הכנסה אין משך פון דעם יאהר האט באטראפען 1,836,465 דאלאר. די אקטועלע זאמלונגען אין אלע לענדער, א חוץ די פאראייניגטע שטאטען, האבען באטראפען 1,042,020 דאלאר, אנשטאט 1,500,000 דאלאר, וואס האבען געדארפט אריינקומען לויט דער רעכענונג וואס איז געמאכט געווארען אין ציריך אין 1929.

די זאמלונגען אין די פאראייניגטע שטאטען, איינשליסענדיג ווארבורג'ס בייסטייערונג צום פאראייניגטען אידישען קאמפיין און דעם באלאנס פון פריערדיגע זאמלונגען פון דעם פאראייניגטע פאלעסטינער אפיעל ווי אויך די בייסטייערונגען צו דער "הדסה", האבען באטראפען ארום 637,93 דאלאר, אנשטאט 2,250,000 דאלאר אין איינקלאנג מיט דער הכנסה וואס איז אויסגערעכנט געווארען אין ציריך.

אין פאלעסטינע זענען איצט פאראן 175,000 אידען

דער באריכט ווייזט ווייטער אן, אז אלס רעזולטאט פון אידישער איינוואנדערונג און דעם נאטירליכען צואוואוקס, זענען איצט פאראן אין פאלעסטינע ארום 175,000 אידען און די צאל באטרעפט 20 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

אין משך פון די לעצטע צוויי יאהר זענען אין לאנד אריינגעקומען 10,193 אידען — 5,249 אין 1929 און 4,944 אין 1930. אין משך פון די זעלבע צוויי יאהר זענען פון לאנד ארויסגעפאהרען 3,425 אידען, אזוי אז אין משך פון די צוויי יאהר זענען צוגעקומען 6,788 אידישע איינוואנדערער.

פון די איינוואנדערער וואס זענען אריינגעקומען אין 1929 זענען 3,585 געווען ארבייטער וואס זענען אריינגעלאזט געווארען אויף די ארבייטער־ליסטעס, 810 פארמעגליכע און 854 קרובים. אין 1930 זענען אריינגעקומען 3,436 ארבייטער, 545 פארמעגליכע און 965 קרובים.

פון די אריינגעקומענע אימיגראנטען זענען 4,303 געקומען פון פוילען, 782 פון רוסלאנד, 668 פון רומעניע, 339 פון דייטשלאנד, 326 פון ליטע, 203 פון לאטוויע, 189 פון עסטרייך, 146 פון טשעכאסלאוואקיע און 513 פון די פאראייניגטע שטאטען.

אין פאלעסטינע זענען איצט פאראן 48,000 אידישע ארבייטער

דער באריכט גיט אויך איבער דעם רעזולטאט פון א צענזוס פון אידישע ארבייטער אין די שטעדט און אין די קאלאניעס. פון דעם צענזוס איז צו זעהן, אז עס זענען איצט פאראן 40,000 אידישע ארבייטער. אין דער דאזיגער צאל געהען אויך אריין זייערע פאמיליעס. אין די קאלאניעס זענען פאראן 23,830 ארבייטער און אין די שטעדט זענען פאראן 16,095 ארבייטער.

לויט ציפערען פון דעם אגריקולטור־דעפארטמענט פון דער אידישער אגענטור, וואס גיבען איבער זיין טעטיגקייט פון דעם 1־טען אקטאבער, 1929 ביז דעם 30־טען אפריל 1931, זענען אין אפריל 1931 געווען אין רשות פון קרן היסוד 15 סעטעלמענטס פון קליינע באזיצער, 20 קאמונאלע סעטעלמענטס, 9 אונטערגעשטיצטע סעטעלמענטס, 4 תימנער קווארטאלען און 8 פארמס פאר מיידלאך און עקספערימענטאלע סטאנציעס. די אלגעמיינע באפעלקערונג פון די אלע סעטעלמענטס האט באטראפען 7,556 נפשות און דער אינוועסטמענט ביז דעם 30־טען סעפטעמבער 1930 האט באטראפען 5,458,710 דאלאר.

די עקזעקוטיווע ווייזט אן, אז פון דעם רעדוצירטען בודזשעט פון 488,250 דאלאר, וואס איז באשטימט געווארען פאר דעם דעפארטמענט פון אגריקולטורעלער קאלאניזאציע, האט מען געקאנט אויסגעבען בלויז 128,250 דאלאר פאר דער קאנסאלידירונג פון די סעטעלמענטס. כדי אבער דורכצופיהרען די דאזיגע אונטערנעהמונג איז נויטיג ארום 1,282,650 דאלאר. און די עקזעקוטיווע פאדערט אז פינאנציעלע מיטלען זאלען געפונען ווערען כדי די אונטערנעהמונג וואס שנעלער דורכצופיהרען.

אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען

לויט דעם צענזוס פון דער אידישער אינדוסטריע און בעל־מלאכות, וואס איז גענומען געווארען אנהויב 1930, זענען איצט אין פאלעסטינע פאראן 2,472 אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. זיי באשעפטיגען 11,063 מענשען, וואס האבען אין 1929 געקראגען 2,717,585 דאלאר אין שכירות. (אין דער רעכענונג געהען ניט אריין די "נשר" צעמענט קאמפאניע, די "פאלעסטינער עלעקטריק קארפארעישאן", די "פאלעסטינער פאטאש קאמפאניע" און די "סיליקיט קאמפאניע"). די פראדוקטען פון די אונטערנעהמונגען האבען אין 1929 באטראפען 12,042,550 דאלאר און דער אינוועסטירטער קאפיטאל ווערט אפגעשאצט אין 12,854,060 דאלאר.

עקזעקוטיווע רעקאמענדירט טראנספערירען אגענטור'ס סקול סיסטעם אין רשות פון ועד הלאומי

די עקזעקוטיווע רעקאמענדירט מען זאל טראנספערירען די סקול סיסטעם פון דער אידישער אגענטור אין רשות פון ועד הלאומי אין פארלויף פון דעם יאהר 1932־1933 מיט א באשטימטער סובסידיע אויף עטליכע יאהר.

אין די דאזיגע שולען זענען איצט רעגיסטרירט 22,500 קינדער. דער בילדונג־דעפארטמענט פון דער אגענטור האט אין 1929—1930 געהאט א בודזשעט פון 638,870 דאלאר. פאר דעם דאזיגען בודזשעט האט די אגענטור אליין בייגעשטייערט 381,335 דאלאר. אין דעם יאהר 1930—1931 באטרעפט דער בודזשעט פון בילדונגס דעפארטמענט 654,080 דאלאר. און די אגענטור אליין האט פאר דעם באשטימט 378,625 דאלאר.

דער באריכט פון דער עקזעקוטיווע ווייזט דאן אן, אז דער איצטיגער בילדונגס־בודזשעט ערלויבט ניט אנצוהאלטען די ערציהונג־טעטיגקייט אפילו לויט א מינימאלען סטאנדארד, איינשליסענדיג די אנטוויקלונג פון שולען אין נייע ישובים און דעם נארמאלען וואוקס פון די עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס. די עקזעקוטיווע עצה'ט דערפאר, אז די בילדונג־בודזשעט זאלען גוטגעהייסען ווערען פאר א פעריאד פון צוויי יאהר אנשטאט אויף א פעריאד פון איין יאהר ווי עס האט זיך ביז איצט געפיהרט. די עקזעקוטיווע מאכט דערביי א צאהל אנדערע רעקאמענדאציעס וועגען וויכטיגע אדמיניסטראטיווע רעפארמען.

סטאטיסטיקס וועגען דער אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינע פון מאי 1929 ביז מאי 1931 ווייזען, אז דער פראצענט פון טויטענפאלען האט זיך באדייטענד פארקלענערט און אז די צאל טויטענפאלען פון קינדער איז אויף דער מדרגה פון די פארגעשריטענסטע אייראפייאישע לענדער.

די הכנסה פון דער "הדסה מעדיצינישער ארגאניזאציע" איז אין משך פון 1929—1930 געווען 552,400 דאלאר. פאר דער דאזיגער סומע האט די אמעריקאנער "הדסה" בייגעשטייערט 373,585 דאלאר. אלס רעזולטאט פון די באגרעניצטע מיטלען, וואס די "הדסה מעדיצינישע ארגאניזאציע" האט לעצטען יאהר געהאט איז געשלאסען געווארען דער שפיטאל אין טבריה. די ארגאניזאציע האט אויך אנטזאגט א צאל אנגעשטעלטע, געשניטען די שכירות פון די פארבליבענע אנגעשטעלטע און עס ווערען פארגעשלאגען נאך ראדיקאלערע פארקלענערונגען אין דעם נייעם בודזשעט. אין משך פון 1929—1930 האט די "הדסה מעדיצינישע ארגאניזאציע" אויסגעגעבען 528,805 דאלאר.

אידישע נייעס פון יענער זייט ים

:־:

ארויסגענומען פון די אידיש־אייראפייאישע צייטונגען.

א טאכטער פון א מיסיאנער פארליעבט זיך אין א אידישען בחור

פון ווארשע שרייבט מען:

אין ווארשע, אויף מארשאל פאש גאס, וואוינט א מיסיאנער, א גע'שמד'טער איד, וועלכער ארבייט פאר דער בריטישער מיסיאנס־געזעלשאפט אין לאנדאן. אמאל, צוריק מיט יאהרען, איז דער דאזיגער מיסיאנער געווען שטארק באקאנט אין ווארשע. ער אליין האט געשטאמט פון א רבנישער פרומער פאמיליע, און מיט זיין שמד'ן זיך האט ער גורם געווען דעם טויט פון זיין פרומען פאטער. ער איז דאן, צוליעב דעם כעס פון זיין פארבליבענער פאמיליע אוועק קיין לאנדאן און נאכהער צוריק קיין מזרח אייראפע, וואו ער האט א סך געלייסטעט לטובת דער ענגלישער מיסיאנערען־געזעלשאפט.

אין 1925 איז ער געקומען קיין ווארשע. קיינעם פון זיין פאמיליע האט ער שוין ניט געטראפען דא (טייל זיינען אין דער מלחמה צייט פארשוואונדען געווארען און טייל האבען אויסגעוואנדערט). און ער האט זיך שוין געקאנט פריי באוועגען אין ווארשע. טראץ דעם אבער האט „זיין שטערן" שוין מעהר ניט געלויכטען. צו די מיסיאנערען זענען צוגעקומען פרישע יונגע קרעפטען, פעהיגע יונגע־לייט, און מיט זייערע פעהיגקייטען זענען איבערגעשטיגען דעם „נעסטאר" פון די מיסיאנערען, דעם דערמאנטען משומד. ער האט שוין מעהר ניט געקאנט ארבייטען און ער איז אריבער אין „עמעריטור".

איז אבער די עמעריטור ביי די מיסיאנערען ניט קיין געהויבענע. איידער דער אלטער מיסיאנער קריגט עמעריטור־געלט פון דער צענטראלע אין לאנדאן, שטארבט ער טויזענט מאל פון הונגער, און דעריבער איז ער געווען געצוואונגען זיך אויסצוזוכען עפעס אן אנדער פרנסה.

אין דעם האט איהם צוגעהאלפען זיינס א טאכטער (אגב, א געבוירענע א אידיש קינד, וועלכע איז אבער שפעטער אריבער צוזאמען מיט'ן פאטער צום קריסטענטום). אזוי ווי די טאכטער קען גוט די יודאאיסטישע למודים, וועלכע זי האט געלערנט ביי איהר פאטער, דעם מיסיאנער, און אויסער דעם קען זי אויך פערפעקט ענגליש און העברעאיש, האט זי דעריבער געגעבען אנאנסען אין די צייטונגען, אז זי זוכט צו געבען לעקציעס פון די דאזיגע געגענשטאנדען.

אויף איהרע אנאנסען האבען זיך אפגערופען עטליכע מענשען, און צווישען אנדערע אויך איינער א אידישער יונגערמאן, וועלכער האט ניט אנגעהויבען צו וויסען, אז זי איז א טאכטער פון א מיסיאנער.

דער יונגערמאן איז מיט איהר דורכגעקומען מכח די לעקציעס, און ער האט אנגעהויבען אפט צו איהר ארופקומען. ניט איינמאל האט ער ביי דער מיידעל אין דער וואוינונג געטראפען דעם אלטען מיסיאנער, אבער ער האט ניט געוואוסט אז ער איז ניט קיין איד.

צוביסלאך האט זיך דער יונגערמאן נעהענטער באקאנט מיט זיין לעהרערין, און דער סוף איז געווען, אז ער האט זיך אין איהר פארליעבט. זי אין איהם — דערגלייכען. ערשט דאן האט זיך דאס מיידעל אין איהם פארטרויט ווער זי איז. זי האט איהם אבער ערקלעהרט, אז זי איז גרייט אויף זיין פארלאנג זיך מגייר צו זיין.

ווו מען טרייבט דעם האנדעל מיט ווייסע שקלאפינס

פון ווילנע מעלדעט מען:

אין ווילנער אפעלאציע־געריכט איז באשטימט געווארען צו באטראכטען א סענסאציאנעלער פראצעס וועלכער דעקט עטוואס אפ דעם פארהאנג איבער די געהיימנישען פון האנדעל מיט ווייסע שקלאפינס אין ווילנע.

אלס אנגעקלאגטע האט געזאלט פיגורירען די אידישע פרוי בוניע פראנק־קאץ, וועמענ'ס פראצעס איז פארגעקומען אין מערץ פון היינטיגען יאהר, אין ווילנער קרייז געריכט.

די פרוי איז אנגעקלאגט געווארען אין פארנארען אידישע מיידלאך אין א שאנד־הויז און צווינגען זיי צו פראסטיטוציע.

צום פראצעס האבען זיך געשטעלט צוויי פון זיי.

איינע פון זיי האט פאר דער צייט וואס בוניע פראנק־קאץ איז געזעסען אין טורמע חתונה געהאט און איז איצט אן ארענטליכע פרוי. די צווייטע פון זיי, א געוויסע בערנשטיין, איז נאך עד היום פארבליבען אין דעם שאנד הויז, וואוהין עס האט איהר פארפיהרט די אנגעקלאגטע.

פון די ערקלעהרונגען, וועלכע עס האבען געגעבען ביידע עדות האט מען זיך געקאנט פארשטעלען א קלאהר בילד ווי אזוי די אנגעקלאגטע האט פארנארט אין איהרע נעצען די פרויען.

דאס מיידעל ל. איז צו יענער צייט געלעגען א קראנקע אין שפיטאל. די אנגעקלאגטע בוניע קאץ האט זיך דערוואוסט דערפון און געבעטען א חבר'טע זי זאל איהר אריינפיהרען צו איהר אין שפיטאל.

די פרוי האט ארויסגעוויזען צו דעם יונגען מיידעל פיעל ווארימקייט, און ווען זי איז ענדליך ארויס פון שפיטאל האט בוניע קאץ, צוזאגענדיג, אז זי וועט איהר איינארדנען, פארפיהרט איהר צו זיך אין שטוב, וואו עס האט זיך געפונען א שאנד הויז, און געצוואונגען איהר צו פראסטיטוציע. ווען איהר מוטער האט זיך דערוואוסט דערפון, איז זי אוועקגעגאנגען צו די אנגעקלאגטע, פאדערענדיג, מען זאל איהר ארויסגעבען די טאכטער.

די פרוי האט אבער באקומען אנגעבראכען די ביינער, און די אנגעקלאגטע האט אריבערגעפיהרט דאס מיידעל אין א צווייטען לאקאל. דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען צו דער פאליציי. דאס מיידעל איז באפרייט געווארען פון שאנד הויז, און בוניע פראנק־קאץ איז צוגעצויגען געווארען צו געריכטליכער פאראנטווארטליכקייט.

פאר'ן פארעפענטליכען דעם אורטייל אין קרייז־געריכט, איז בוניע קאץ ארויס פון געריכטס־זאל און איז פארשוואונדען געווארען.

דאס געריכט האט שוין אין איהר אפוועזענהייט פארעפענטליכט אן אורטייל אויפ'ן סמך פון וועלכען זי ווערט פאר'משפט אויף פיער יאהר שווערע טורמע.

איהר פארטיידיגער האט דערווייל אפעלירט, און נעכטען האט איהר פראצעס געזאלט פארקומען אין ווילנער אפעלאציע־געריכט. דאס געריכט האט אבער באשלאסען דעם פראצעס אפצולעגען, ווייל עס איז ניט באקאנט צי די אנגעקלאגטע בוניע קאץ ווייסט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאנץ.

דער פראצעס וועט באטראכט ווערען ערשט דאן, ווען די אנגעקלאגטע וועט פארהאלטען ווערען.

ארבייטער צוברעכט קינבאק

וויליאם בארנאווסקי, 36 יאהר אלט, פון 656 ריטשמאנד סטריט, אן אנגעשטעלטער פון דאמיניאן ברידזש קאמפאני געפינט זיך יעצט אין וועסטערן האספיטאל מיט א צובראכענער קינבאק, וואס ער האט געקראגען ווען א האיסט האט זיך א גליטש־געגעבען און איהם דערלאנגט איבער'ן פנים.

וויפיעל געלט ברויכט א פאמיליע אויף צו קאלאניזירען זיך אין ארץ ישראל

פון י. אייגער.
(ירושלים.)

די פראגע וועגען צוציהען דעם מיטעלשטאנד צו דער ארץ ישראל קאלאניזאציע איז איצט געווארען איינע פון די אקטועלסטע פראגען. זייט דער צייטמאמענט האט אנגעהויבען שפילען א גרויסע ראל אין דער ארץ ישראל־פראבלעם; זייט אויגוסט, 1929, ווען די רעגיערונג האט אראפגעווארפען איהר מאסקע און אנגעהויבען אפען "אפהאקען די אידישע פליגעל" און די אידען האבען זיך איבערצייגט, אז דא איז ניט בלויז אן אראבישע פראגע, נאר אן ענגליש־אראבישע און, אז די צייט ארבייט ניט פאר זיי, נאר פאר זייער שטארקען געגנער, האבען זיי פארשטאנען דאס גרויסע געפאהר, וואס שטעקט אין נאכלעסיגקייט. יעדעס יאהר וואס געהט איבער אהן נייע רעאלע ערגרייכונגען, אהן ניי־געשאפענע ווערטזאכען איז ניט בלויז א פארלוסט פון צייט, נאר א פארלוסט פון דער עצם זאך, דאס איז א פארקלענערונג פון דער נאציאנאלער היים, פון איהר מאסשטאב. אט די אומבאדינגטע דרינגליכקייט פאדערט, מען זאל אויף די עקאנאמישע פראגען פון ארץ ישראל לייגען ניט ווייניגער אכט ווי אויף די פאליטישע. באדען־ערוועבונג, איינוואנדערונג און קאלאניזאציע — דאס זענען די דריי געביטען, אויף וועלכע די אידען מוזען און נאר אין דער נאהענטער ציקונפט אויפטאן באדייטענדעס. וואס זאל אויסברייטערען די ראמען פונ'ם אידישען ווערק אין דאזיגען לאנד.

דער אידישער נאציאנאל־פאנד האט פארגלייכונגסווייז ניט קיין גרויסען באדען רעזערוו, מיר דוכט — איבער זעכציג טויזענט דונאם, און אלס א באדען, פאנד פון א גאנצען פאלק, וואלט ער גאר ניט באדארפט זיך רעכענען מיט אזא רעזערוו און ניט זוכען מען זאל איהם וואס גיכער פארטאן. אבער די לאגע איז אזעלכע, וואס מען קען ניט פיהרען קיין בישוב הדעת'דיגע באדען־בוכהאלטעריע, מען מוז איהם וואס שנעלער באזעצען, קויפען נייעס באדען און ווידער באלד באזעצען. ווארטען איז איצט געפעהרליך — סיי מיט דעם באדען־ערווערב, סיי מיט דער קאלאניזאציע. דאס אידישע היימלאנד מוז אונאויפהערליך אנטוויקלען זיך און בארייכט ווערען מיט נייע מענשען און ווערטזאכען.

צווישען די פלענער פון דער קונפטיגער גרויסער קאלאניזאציע פארנעהמסט אן אנגעזעהענעם פלאץ דער קאלאניזאציאנס פלאן פון באמיטעלטע אידען אויפ'ן באדען פון קרן קימת. די דאזיגע פראגע איז באהאנדעלט געווארען נאך אויף דער זיצונג פונ'ם אקציאנס קאמיטעט אין מערץ, 1930 און דאן האט מען באשלאסען, אז די עקזעקוטיווע דארף זארגען דאפיר, אז דער קרן קימת זאל איבערלאזען פון זיין באדען אין "וואדי האווארים" 20,000 דונאם צו קאלאניזירען דארט משפחות פון מיטעלשטאנד, אזעלכע וואס האבען אייגענע קליינע קאפיטאלען, און די עקזעקוטיווע זאל אויך אויסארבייטען א גענויען פלאן פאר אזא קאלאניזאציע.

מען דארף באטאנען, אז אויסארבייטען אזא פלאן איז געווען ניט פון די לייכטע זאכען, ווייל עס איז פאראן א גרויסער חלוקי דעות וועגען די שיטות — ווי דאס דורכפיהרען אין לעבען. מען האט באדארפט, אז אלע פונקטען פונ'ם פלאן זאלען זיך באזירען אויף פעסטער קענטניש פונ'ם באדען און פון מענשליכען מאטעריאל, וואס איז באשטימט פאר אט דער קאלאניזאציע. מען האט דאמאלסט געשאפען א ספעציעלע קאמיסיע און די קאמיסיע האט דעם פלאן אויסגעארבייט. זי האט קודם כל פעסט פאר איהם באשטימט דעם באדען פון וואדי האווארית, וועלכער איז פאסיג לויט זיינע אייגענשאפטען און וואסער־מעגליכקייטען פאר אזא ארט קאלאניזאציע, ד. ה., פאר אזעלכע ווירטשאפטען ווי מען דענקט צו בויען. ניט קיין גרויסע, וואס ברענגען אבער גענוג הכנסה און שפייזען בהרחבה אן ארבייטענדע פאמיליע. אזא ווירטשאפט באזירט זיך הויפטזעכליך אויף אראנזשען־פלאנצונגען און אויף פוטער־קולטורען.

די פארשונגען איבער דעם וואדי חאווארית באדען צייגען, אז 18,400 דונאם זענען פאסיג פאר אראנזשען פלאנצונגען און 16,200 — פאר גרינס און פוטער־קולטורען, אויסער אומנוצבארען באדען, וועלכער וועט דינען פאר באוואלדונג און דארט זעהר לייכט געלייזט ווערען — די וואסער געפינט זיך ניט טיעף און אין א גענוגענדער מאס אויף צו באוואסערען די גאנצע געגענט. וואס ווערט נאך פארלייכטערט דורך דער גינסטיגער טאפאגראפיע פונ'ם ארט.

אט די אלע גוטע באדינגונגען ערמעגליכען צו באנוגענען זיך מיט 20 דונאם פאר א פאמיליע און אזוי ארום צו באזעצען דארט 1500—1700 משפחות. עס איז בלויז נאך פאראן א קליינע שטערונג: די זומפען, וועלכע אנטשטעהן בעת דער רעגען־צייט. איבער דעם, וואס מען האט דעם באדען שוין פיעלע, פיעלע יאהרען ניט באארבייט. אבער ווי ספעציאליסטען באהויפטען, איז דאס ניט אזא הארבע פראגע — מען קען די זומפען לייכט אויסטריקענען. מיט דעם דאזיגען צוועק מאכט איצט דער נאציאנאל פאנד טאפאגראפישע מאפעס פון דער גאנצער געגענט אויפ'ן גרונט פון וועלכע מען וועט אויסארבייטען דעם אמעליאראציאנס פלאן.

איך וויל דא באקענען די לעזער מיט דעם דאזיגען פלאן אין זיינע אלגעמיינע שטריכען. די דריי הויפט־פראגען: וועגען מענשליכען מאטעריאל, וועגען טיפ ווירטשאפט־הכנסה און הוצאה און וועגען די געלט־מיטלען, וואס זענען נויטיג פאר אזא קאלאניזאציאנס ווערק, ווערען אין געביידעס. אויך די וואסער־פראגע קען פלאן געלייזט אויף פאלגענדען אופן. מען וועט באזעצען משפחות פון ארץ ישראל און חוץ לארץ מיט דעם פארצוג פאר יענע, ביי וועלכע דער פאטער איז נאך ארבייטספעהיג און עס זענען קינדער, וואס קענען העלפען אין ווירטשאפט. דערביי וועט אויך געלייגט ווערען אכט אויף דעם, צי האט לפחות איינער פון דער פאמיליע געארבייט ביי לאנדווירטשאפט אין ארץ ישראל. אויך וועט געפאדערט ווערען א מעדיצינישע צייגניש וועגען געזונט־צושטאנד פון דער גאנצער משפחה. פון די 20 דונאם באדען וועלען 8 דונאם זיין מיט אראנזשען, 7 דונאם מיט אנדערע באוואסערונג קולטורען, 3 דונאם אויף דעם הויף און געביידעס און 2 דונאם רעזערוו.

אויף אוועקצושטעלען אזא ווירטשאפט פאדערט זיך 4250 דאלאר:

געביידעס (הויז, שטאל, הינטערשטאל און נ. א.) — 950 דאלאר.

פארפלאנצען און אויסהאלטען דעם אראנזשען גארטען ביז ער וועט ברענגען פרוכט — 1765 דאלאר.

איינארדנען די באוואסערונג → 570 דאלאר.

לעבעדיגער אינווענטאר, ארבייטס־אינסטרומענטען א. א. וו. — 385 דאלאר.

ניט־פאראויסגעזעהענע אויסגאבען — 580 דאלאר

סך הכל — — — — 4250 דאלאר.

דער גאנצער סכום וועט אויסגעגעבען ווערען אין משך פון פינף יאהר. אבער דאס ערשטע יאהר פאדערט זיך 65 פראצענט פון דער דאזיגער סומע.

די הכנסה פון אזא ווירטשאפט וועט זיך פארגרעסערען מיט יעדען יאהר און אויפ'ן צוועלפטען יאהר, ווען דער אראנזשען־גארטען וועט שוין ברענגען פרוכט אין דער פולער מאס, וועט די הכנסה זיין בערך 1120 דאלאר א יאהר: פון דעם גארטען — 900 דאלאר, פון פוטער קולטורען און גרינס — 80 און פון עופות און מילך — 120 דאלאר. פון דעם וועט דער קאלאניסט באדארפען צאהלען ארענדע־געלט דעם נאציאנאל פאנד פאר דעם באדען און אויסצאהלען די הלואה, וואס מען וועט איהם געבען אויף אויפצושטעלען די ווירטשאפט — 250 דאלאר בערך יעהרליך און עס וועט איהם בלייבען ריינער איינקונפט 850 דאלאר.

לויט דעם פלאן דארף דער קאלאניסט האבען אייגענע 2000 דאלאר, אויף די איבעריגע 2250 דאלאר וועט מען דארפען געפינען פאר איהם א היפאטעק־הלואה אויף 15 יאהר, אנהויבענדיג צו צאהלען פון אכטען יאהר נאכ'ן פארפלאנצען דעם גארטען. די הלואה וועט מען דארפען קריגען אויף 4 פראצענט. ווייל מעהר קען קיין לאנדווירטשאפט ניט צאהלען. אט דאס — די הלואה — איז דער הארבסטער מאמענט אינ'ם דאזיגען פלאן, ווייל אזוי וועלען זיך געווים געפינען אין חוץ לארץ הונדערטער משפחות, וואס פארמאגען פארמאגען 2000 דאלאר און ווילען זיך באזעצען אויף דער ערד, איבערגעהן אויף א זיכערערער און רוהיגערער פרנסה. אפילו די יעניגע, וועלכע קענען באלד ניט קומען, וועלען האבען די מעגליכקייט אזוי איינארדנען מיט זייערע 2000 דאלאר. מען זאל זיי פארפלאנצען דעם גארטען, איהם באארבייטען און אפהיטען די אלע יאהרען, ביז ער וועט ברענגען פרוכט און דאן וועלען זיי קומען און נעהמען אויף דעם גארטען א היפאטעק־הלואה, מיט וועלכער זיי וועלען קענען אויסבויען די געביידעס און מאכען די איבעריגע נויטיגע אינוועסטירונגען.

נאך לייכטער, פארשטעהט זיך, וועט זיין פאר די יעניגע, וועלכע פארמאגען זייער אייגענס דעם גאנצען קאפיטאל, וואס איז נויטיג פאר אזא ווירטשאפט — 5000 דאלאר. אזעלכע קענען זעלבסט אדער דורך אנדערע אוועקשטעלען די ווירטשאפט: באלד זיך באזעצען אדער פארבלייבען אין זייער לאנד ביז דער גארטען וועט ברענגען פרוכט און דאן קומען.

אלענפאלס אזא ווירטשאפט וועט זיין עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג און וועט נערען דער משפחה וואס ארבייט ביי איהר, א זיכערע, רוהיגע און זאטע עקזיסטענץ.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

דריי סענאטארען גערופען פאר דער באהארנוא אויספארשונגס קאמיסיע

סענאטאר מעקדונאל זאגט זיך אפ צו קומען. ווילען איהם צווינגען

אטאווא, יולי 15.

דער סענאט האט נעכטען געגעבען דערלויבעניש די דריי סענאטארען ווילפרעד ל. מעקדונאל, ענדרא היידאן און דאנאט רעימאנד דאס רעכט צו דערשיינען פאר דער פארלאמענט אויספארשונגס קאמיסיע וועגען באהארנוא.

עס איז נאך אומבעקאנט צו וועלען די דריי סענאטארען, וועלכע האבען שוין געקראגען די איינלאדונג, קומען פאר דער קאמיסיע, אדער זיי וועלען זיך באנוצען מיט זייער רעכט אלס מיטגלידער פון סענאט זיך אפצוזאגען צו פאלגען א באשלוס פון א פארלאמענטארישער קאמיסיע.

סענאטאר מעקדונאלדס פארטרעטער ביי דער קאמיסיע האט געזאגט, אז ער קען קיין באשטימטען ענטפער אויף דער פראגע צו וועט דער סענאטאר דערשיינען פאר דער קאמיסיע, ניט געבען. כל זמן ער האט זיך ניט דורכגערעדט מיט'ן סענאטאר אליין. סענאטאר רעימאנד האט ניט קיין פארטרעטער אין דער קאמיסיע. און סענאטאר העידאן איז שוין א לענגערע צייט קראנק, און עס איז פארשטאנען, אז ער וועט ניט קענען קומען פאר דער קאמיסיע.

די נעכטיגע אויספארשונג האט זיך פארנומען מיט קלאהר מאכען געוויסע פרטים ארום סוויזים דערקלעהרונגען. אזוי האט מען געוואלט דערגעהן פארוואס איז צו דער פירמע מעק'גיבערי, הערדאן און עבס אויסגעצאהלט געווארען א טשעק פון פופציג טויזענט דאלער. אויפ'ן וואוטשער פון דעמזעלבען טשעק איז גארניט פארציכענט וועגען וואס דאס געלט ווערט אויסגעצאהלט.

א פראגע צו ווילפריעד גאריעפי וואס האט געקראגען פון דער קארפאריישאן צוויי טויזענט דאלאר אלס לאיערס איז דאס דער ליבעראלער קאנדידאט אין טרי ריווערס, האט ארויסגערופען א פראטעסט פון האנ. מאקענזי, דער ליבעראלער מיטגליעדער פון דער קאמיסיע.

ארום דער קאמיסיע טראגען זיך קלאנגען וועגען ביישטייערונגען צו פאליטישע קאמפיינען, וואס זיינען געמאכט געווארען מיט געלטער פון דער באהארנוא קארפאריישאן. און אנצוהערענישען ווערען געגעבען, אז אויב די קאנסערוואטיוון וועלען פון דער אויספארשונג וועלען שלאגען קאפיטאל פאר זייער פאליטישען קאמפיין, וועלען געמאכט ווערען אויפדעקונגען, וואס וועלען איבערראשען אונאנגענעהם סיי די ליבעראלען, סיי די קאנסערוואטיוון. די אנטדעקונגען וואלטען געהאט צו טאן מיט קאמפיין ביישטייערונגען פאר ביידע פארטייען אין קוויבעק און אין אנטאריא.

דאס זיינען אבער בלויז קלאנגען, וועמענס ווירקונג אויף דער ארבייט פון דער קאמיסיע זעהט זיך ניט אן פון אויבען אויף.

אטאווא, יולי 15.

אין א לענגערער דערקלערונג, וואס סענאטאר מעקדונאלס לאיער ביי דער באהארנוא אויספארשונגס קאמיטע האט היינט נאכמיטאג אפגעגעבען, זאגט זיך סענאטאר מעקדונאל אפ פון צו קומען פאר דער אויספארשונגס קאמיטע.

דער טשערמאן, האנ. ר. גארדאן האט דאן באמערקט, אז עס איז מעגליך די באהארנוא אויספארשונג זאל פארטגעזעצט ווערען פון א ראיאל קאמיסיע, וועלכע וועט קענען צווינגען סענאטאר מעקדונאל צו געבען איהר די נויטיגע דערקלעהרונגען.

דריי בילס דורכגעפאלען אין פארלאמענט

אטאווא, יולי 15.

טראץ אלע דערווארטונגען איז דער וואודסווארט ביל וועגען פרייער רעדע, נאך אמאל אויפגעשוואומען אין פארלאמענט, און איז דאס מאל געטויט געווארען. וואודסווארט האט געהאלטען א פייערדיגע רעדע אין פארטיידיגונג פון זיין ביל, ווען עס איז געקומען צו אן אפשטימונג איז ער דורכגעפאלען מיט אזא גרויסע צאהל שטימען, אז זיי זיינען אפילו ניט געצעהלט געווארען.

א צווייטער ביל וואודסווארטס צו אמענדירען דעם אימיגראציאנס אקט אזוי, אז קיין פערזאן זאל ניט קענען דעפארטירט ווערען פון קאנאדע נאך אפוואוינען אין לאנד איבער 10 יאהר, איז אויך דורכגעפאלען מיט א גרויסער מאיאריטעט.

א דריטער ביל, וואס האט געהאט דעם זעלבען מזל אין דער זעלבער שטונדע פאר פריוואטע מיטגלידערס בילס, איז געווען דער פארגעשלאגענער פון הערבערט ספענסער (פארמער), צו באגרעניצען דעם פראצענט אויף באנק־הלואות אויף 7 פראצענט. דער ביל האט אפילו ניט געהאט די נויטיגע צאהל אונטערשטיצער (זעקס) כדי ער זאל גענומען ווערען צו אפשטימונג.

רעגיסטרירטע פאר שטיצע ווערען דעפארטירט

וועלאנד, יולי 15.

אלס א רעזולטאט פון א באזוך, וואס אינספעקטאר האנט פון אימיגראציע דעפארטמענט האט דא אפגעשטאט, איז א ליסט פון נאהענט צו הונדערט נעמען פון קאנאדער איינוואוינער אפגעשיקט געווארען קיין אטאווא מיט א רעקאמענדאציע צו דעפארטירען זיי.

די אלע האבען זיך רעגיסטרירט פאר ארבייטלאזיגקייט שטיצע, און אן אויספארשונג האט, וועגען יעדען פון זיי אויסגעפונען א גרונט, לויט וועלכען ער קען דעפארטירט ווערען בהסכם מיט'ן אימיגראציאנס געזעץ.

מעהר ווי העלפט פון די אנגעריהרטען האבען קיין חשק ניט צו פארלאזען קאנאדע, וואו זיי זיינען גרייט צו ליידען ביז בעסערע צייטען וועלען קומען.

איד ארעסטירט אויף קלאגע פון גנבענען באנדס

נייאגרא אן-די-לייק, יולי 15.

לויט דער קלאגע פון מרס. מארגארעט באטאמליי, א היגע אלמנה, איז אין באפאלא, נ. י. ארעסטירט געווארען דער 37 יאהריגער ל. שווארץ, אויף דער באשולדיגונג פון ארויסגנב'ענען פיער טויזענט דאלאר אין קאנאדער באנדס פון איהר.

מרס. באטאמליי איז היינט אפגעפאהרען צו דערקלאגען דעם ארעסטירטען.

ווי מרס. באטאמליי דערצעהלט האט שווארץ זיך פארגעשטעלט פאר איהר אלס פארשטעהער פון א גרויסער טשיין סטאר פירמע, וואס וויל אפדינגען ביי איהר א סטאר.

ער האט איהר אנגערעדט זי זאל געהן מיט איהם עפענען איהר סייפטי דעפאזיט באקס וואס זי האט געהאט אין דער אימפיריאל באנק, כדי צו ארויסנעהמען דארט געוויסע דאקומענטען און דארטען אונטערשרייבען דעם ליס אויף צעהן יאהר צייט.

שווארץ איז באלד אפגעפאהרען פון שטאדט. אין באפאלא האט ער זיך געווענדעט צו א בראקערס קאמפאניע, זי זאל ביי איהם אפקויפען פיער טויזענט דאלארדיגע קענעדער באנדס אויפ'ן נאמען פון מרס. באטאמליי.

ניט דערהרגעט מאמען און דערהענגט זיך

מאנטרעאל, יולי 15.

'איך פארזיכער אייך, מענשען, אז איך האב מיין מוטער ניט געהרג'עט, ווי גאט איז מיין עדות און איך קלויב זיך יעצט איהם אבגעגענען". די ווערטער אנגעשריבען אויפ'ן לינקען זייט פון א פאסט קארד, האט מען געפונען אין מאנטרעאלער פארט אויפ'ן ברעג פון סט. לאורענס.

ווי מען שטויסט זיך אן זאל עס זיין די געזעגענונגס ווערטער פון דזשאזעף ב. נון פון באסטאן, וועלכער האט זיך נעכטען אריינגעווארפען אין סט לאורענס און איז דערטרונקען געווארען.

תבואה עלעוויטאר אפגעברענט

וויאמינג, אנט. יולי 15.

דראהענדיג דעם גאנצען רעזידענץ טייל פון שטעדטעל איז א פייער אויסגעבראכען, היינט ביינאכט, וואס האט איינגאנצען אפגעוויסט דעם תבואה עלעווייטאר פון דזשאנסאן, מעקלין און קוירנוואוד. דער שאדען פון צוואנציג טויזענט דאלאר איז געווען געדעקט פון אינשורענס.

יעדע נאכט אין סאניסייד פרייע לופט טעאטער
MERRYMAKERS
מיט בראדוויי סטארס
און אל פלאנקעט, רעד ניומאן און אנדערע.
כאר פון פיינע טענצער.
3 פארשטעלונגען יעדען אווענט — 7.45 ביז 11 א זייגער.
דערוואקסענע 35ס.; קינדער 15ס.

אכטונג
דער נייער אדרעס פון:
הרב ישראל הלוי
הורוויץ
דער רב פון לידער שוהל איז:
299 אגוסטא עווענין
ארום קאלעדזש סטריט.
טעלעפאן טריניטי J 5732.

גודמאן
מיר מאכען סעלערס ווי אויך אלערליי קאנקריט ארבייט. די ביליגסטע פרייזען אין שטאדט.
166 ראבערט סטריט
קינגסדייל 8167

לערענט שפילען פאפולערע מוזיק
פיאנא — גיטארע — טענאר באנדזשא — וויאלין — טראמפעט — סאקסאפאן.
סוקסעס גאראנטירט. צאהלט ווען איהר שפילט.
ספעציעלע וויאלין אפער פאר קינדער
מיר שטעלען צו וויאלין, בויגען און שייד מיט דעם ספעציעלען קורס פון איין שעה לעסאנס צום נידעריגען פרייז פון 85 סענט א לעסאן. דער נידעריגער פרייז איז בלויז פאר א קורצער צייט.
THE MARKS-WINN SCHOOL OF POPULAR MUSIC, Limited
3 טשארלס סט. וועסט (קארנער יאנג). קינגסדייל 5885
געגרינדעט אין 1916.

די נייעסטע און ריינסטע דעליקאטעסען סטאר
קאהען'ס כשר דעליקאטעסען
אויף 311 ספעדיינע עוו.
א ברענטש פון בעקערס כשר דעליקאטעסען, 349 קאלעדזש סטריט.
איהר קריגט ביי אונז די בארימטע בעקערס פאסטראמי.
אויך א פולע ליין פון די בעסטע אימפארטעד דעליקאטעסען. שטענדיג פריש.
געדענקט דעם נייעם ברענטש אונטער'ן נאמען: —
קאהען'ס כשר דעליקאטעסען 311 ספעדיינע עוו

דער נאהענטסטער וועג פאר צופרידענהייט
מיט א גאראנטיע, איז מאכען אייערע קליידער ביי:
פ. גרינבוים
מענער קאסטאם שניידער
(געוועזענער שטיינהויז און גרינבוים)
אין מיין נייעם גרויסען סטאר
418 ספעדיינע עוועניו
קומט אריין און איהר וועט זיך איבערציינגען. — די ארבייט איז פאלשטענדיג גאראנטירט. געדענקט דעם נייעם אדרעס: —
418 ספעדיינע עוועניו
טעלעפאן טריניטי 0149.
בלויז איין פראבע און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קאסטימער.

פיומיגייטינג
מיר מאכען באקאנט, אז אלע פיומיגייטינג ווערט געמאכט לויט דער נייער ביי־לאו.
אונזער מאטא איז:
די בעסטע ארבייט צו ביליגסטע פרייזען
אלע ארבייט געמאכט פון עקספערטען און פאלשטענדיג גאראנטירט, אין שטאדט און אויסער'ן שטאדט.
NATIONAL EXTERMINATING COMPANY
92 SHERIDAN AVE. TORONTO
PHONE MELROSE 1651

ראדיאס געפיקסט
ביי א אידישען עקספערט ראדיא מעקעניק צו די ביליגסטע פרייזען.
טעלעפאנירט: דזש. גאלדבערג
מעלראז 1978
250 קלינטאן סטריט.
צופרידענהייט גאראנטירט.

שפייז פעקלאך נאך רוסלאנד
שיקט דורך
ראבקינען
וועלכער געפינט זיך יעצט אין
309 ספעדיינע עוו.
(ארום סטענדערד טעאטער)
די פעקלאך ווערען געפאקט אין יוראפ. מיר גאראנטירען פולע וואג, בעסטע סחורה און פאר צושטעלען.
די קאסטען פון שפייז פעקלאך זענען די ביליגסטע. 12½ פונט $2.70 און 25 פונט $4.80.
פולע אינפארמאציע קענט איהר באקומען אין מיין אפיס
309 ספעדיינע עוועניו
פון 10 פריה ביז 8 אווענט -
טעלעפאן טריניטי 1431.
קומט, שרייבט, אדער טעלעפאנירט.
וואוינונג טעלעפאן טריניטי 5959.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטס טריניטי M 6520
NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
422 BAY ST

איך האב געלט צו לייען אויף
מארטגעדזשעס
ערשטע, צווייטע און דריטע
CHAS. COBLENS
423 יוקליד עוו.
טעלעפאן טריניטי W 3079
איך קויף אויך צווייטע מארטגעדזשעס

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א
אפטאמעטריסט
און אפטישען
דר. הענרי הערריס
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.
Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

ארדערט אייערע
סיינס
פון דעם גוט באוואוסטען אידישען סיין פיינטער, 19 יאהר אין טרייד.
לואיס ווינער
309 ספעדיינע עוו.
נעבען דיארסי סט.
טעל. טריניטי 1431
ביליגע פרייזען און שעהנע ארבייט.

רעוו. פ. דאלגאף
דער בארימטער
מוהל
ספעציאליסט

אנערקענט אין אלע האספיטעלער פון אלע דאקטוירים
413 Dovercourt Road
TELEPHONES:
Lom. 1220 Tr. 7830j El. 3086

קאנגא
מעדיצינען
ליידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא ליניטמענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.
SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512
ליידט איר פון א ברוך?
(ראפטשורד)
א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

דעם מענשען'ס גרעסטער אוצר זענען זיינע

אויגען
פארנאכלעסיגט ניט אט דעם אוצר — זעהט זיך מיט
DR. L. LEWIS
אויגען ספעציאליסט
3A ADELAIDE STREET WEST
א ספעשעל רידאקשאן אויף פרעסקריפשאנס פון האספיטאלס.

FREE

וויכטיגע נייעס!
א נייער סיסטעם שוה רעפיירינג. מיר מאכען די בעסטע ארבייט. — שוה שיין אדער קלינינג פריי.
IMPERIAL SHOE REPAIRING SERVICE
מיר קומען נעמען און דעליווערען אומעטום אין שטאדט
Phone HOWARD 9250
גענייטע ארבייט
געשניטענע פרייזען
מיר קומען אין יעדען פלאץ פון שטאדט שיך געפארבט יעדען קאליר.
אויך שיך געמאכט צו ארדער ביי עקספערטס. — קיין ארדער צו גרויס — קיין ארדער צו קליין.
רופט אונז אפ אויפ'ן טעלעפאן HOWARD 9250
און אונזער דרייווער וועט זיין ביי אייער טיר.

SPLAN & SPLAN GARAGE
88 עדווארד סטריט
רעי בעסטאס
ברעיק סערוויס
דזשענעראל ריפיירס
אלע מייקס פון קארס
מעסיגע פרייזען — צופרידענע קאסטימער
טראקס אדער קארס איבערגעלאזען פרייטאג וועלען זיי פארטיג מאנטאג פריה
טעלעפאנען: עלגין 2550. ביינאכט רענדאלף 6850

קויפט נישט קיין קוילען ביז איהר זעהט א

קארמאן „בלאוער"
"דער גאראנטירטער בלאוער"
ספעשעל זומער רעדאקשאן.
שפארט געלט, צייט און קוילען.
טעלעפאנירט אונז און מיר וועלען עס דעמאנסטרירען
קארמאן אינזשינירינג קא.
81 פארטלאנד סטריט
טעלעפאן עלגין 1428 און עלגין 1429

גראנדיעזע דערעפענונג
סוטס געמאכט צו ארדער
פון באוואוסטען קאסטימער שניידער
ל. שטיינהויז
(געוועזענער שטיינהויז און גרינבוים)
$24.00 און העכער
לכבוד דער דערעפענונג פון מיין נייער קאסטאם טיילארינג און דזשענטס פוירנישינג סטאר, אין 577 מאונט פלעזענט ראוד
וועל איך מאכען סוטס צו ארדער פאר בלויז $24.
שבת יולי דעם 11־טען ווערט די נייע סטאר דערעפענט
מיין ארבייט איז מיט א גאראנטיע.
געדענקט דעם אדרעס: —
577 מאונט פלעזענט ראוד טעלעפאן היילאנד 0738.
טעלעפאנירט און איך קום פאר אייער ארדער.

לאיערס דזש. גלעס און אי. פ. דיקלער
— פון —
גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן עדלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן:
וויווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 3419.
לאיער ב. וויינבערג ב.א.
בעריסטער, סאליסיטאר, נאטערי־פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.